"Cured", Lisa Erdman establishes for herself a modest niche in the opera world. She becomes also sufficiently integrated to return to Kiev to marry an aging Russian-Jewish fellow operatic star and care for his young son. The years have been quiet, fruitful, devoid of their former chaotic intensity, although on occasions she is again beset by forebodings, a certainty that "*somewhere* — at that very moment — someone was inflicting the worst possible horror on another human being". From then on, with increasing pace, these premonitions coupled with those of her youth come to demonic realisation. It is September 1941. The Germans have entered the Ukraine. Events set in motion by the prospect of happiness and the call of distant family have so taken place that Lisa Erdman, after living in Vienna and Milan, is now back in Kiev. Her father was a Jew. Her second husband also. And her step-son is still with her. Outside Kiev, there is a ravine called Babi Yar. The Germans issue an edict that all "Yids" are to assemble near the cemetery in Kiev. Thereafter, caught in a mass of slowly-forward-moving Jews, the majority of them bewildered, uncomprehending, clinging to delusions of crazed into panic, where she had been one an unique — Lisa Erdman with a face, a personality, a name, and with dreams and fantasies and agonies behind her — she now becomes one of thirty thousand, and the thirty thousand become a quarter of a million ("a quarter of a million white hotels") — Jews, Ukrainians, gypsies, and Russians — taken to the ledge of the ravine to be shot and, in her own case, not yet dead on top of a pile of bodies, to be defiled and bayonetted in a manner that brings all her forebodings and delirious sexual fantasies home to roost, and a final linking between the sexual and the destructive.

There is ever a danger of reading too much into an author's intention or of missing it altogether, particular-

ly if that work is entwined, as in Thomas' novel, with symbolic and psychoanalytic detail.

But what may be concluded?

At the most basic level, the purely terrestrial, there is an underlining in prose-form of Yevgeni Yevtushenko's "Babi Yar": "No gravestone stands at Babi Yar", writes the poet. Writes Thomas in turn: "No-one, however, saw fit to placate the ravine with a memorial. It was filled in with concrete, and above it were built a main road, a television centre, and a high-rise block of flats. The corpses had been buried, burned, drowned and reburied under concrete and steel." (May one see in this an allusion to the flood, fire, falling cable-car and landslide of the earlier hallucinatory section?)

Already mentioned is the inextricable Freudian linking of the wish for life and the wish for death, the creative and the destructive. Further, in a brief concluding chapter, the dead from the previous sections have been resurrected and find themselves now in Palestine. There is reunion, forgiveness, love, and, through love, redemption: "Many waters cannot quench love, neither can the floods drown it," and from Lisa's mouth: "Where there is love of **any** kind, there is hope for salvation."

Perhaps in the next world that is so. Perhaps one might hurt less and remain more sane if one were to believe it to be so. But the human concern is this world. And the inescapable fact in this world is that history has no regard for the individual. Whatever the individual's inheritance, his gifts, agonies, fantasies, attainments, nightmares, these are surely his own, and history will just as surely wipe him away. To quote one reviewer: "the private pathology of everyday life is always devoured by the pathological reality of history". That is bad enough. But worse is the ever-present threat of total anonymisation in which the individual, stripped of possessions, clothes and name, shall be forever lost to time in a purgatorial ravine, one disintegrating blue-grey body crushed by millions of others, all of them crushed in turn by roads and bridges and edifices of concrete and steel.

No amount of redemption in any after-life can ever compensate for that.

Leah Kaminsky

Reality's a concept
I do not comprehend
It's easier to live in dreams
In which I can pretend

Inside my world I make-believe
That bad things aren't exposed
And if, per chance, I make a mess
It's quickly phagocytozed.

I like to think that Batman's there
Constantly on guard
Protection from the Boogey men
That hide in my charade.

I'd love to be a lunatic
And sit upon the shore
To contemplate bewilderment
And tilt my head, and snore.

Sometimes when the curtain lifts
Revealing yet another
I smile and know that sometimes there
I caught a glimpse of mother

# METAMORPHOSIS

Leah Kaminsky

Brothers, mothers, butterflies
What hides behind those printed eyes?
We cannot see past your disguise
Those lovely wings that used to rise
To heights, and flit from leaf to leaf
So gentle, calm, such firm belief
In loving life, and scorning grief,
How sad in death you find relief.
The strength that once we leaned upon
Has turned to dust, has vanished, gone.
Entangled in a net so soon
Crawled back inside your own cocoon.

---

*Letter to the Editor*

# HISTORY DISTORTED

Dear Editor,

There is an institute for Jewish affairs under the direction of the Jewish World Congress. The principal is Dr. S. I. Roth who, with his co-workers is very worried about an international group of history falsifiers. In the last years, the numbers of so called "history researchers" have increased substantially in many lands. Their sole activities relate to the millions of Jews murdered during the Nazi era. The history deceivers try in various ways to prove that Hitler's murders of six million Jews are a myth.

The profane propaganda started in France in 1949 and goes on even now.

The exemplary democracy, the U.S.A., is now the centre for books, brochures and articles in the press declaring that the story of the holocaust is only propaganda.

The only organisation that acts worthily against these neo-Nazi falsifiers is the World Organisation of Fighters, Katzetler and Partisans (W.O.F.K.P.) in Israel and branches in various countries. At meetings of the above there participate not only Jewish but also non-Jewish representatives of anti-Nazi war organisations.

In the last few years, liaison has been established with "Zbovid", the Polish resistance movement of 39/45. As a result of this, a Jewish pavilion at Auschwitz was built. Very good relations exist between the W.O.F.K.P. and non-Jewish ones in France, Belgium, Holland, Italy and elsewhere. From time to time, common action is taken against the neo-Nazis and the falsifiers of history. The Jewish World Congress does very little to oppose the waves of the neo-Nazi falsehoods.

It receives large funds from the "Claims Moneys" but its contribution to this important purpose is laughable, when set against the capital outflow of the Nazi organisations.

They, together with their allies, among them the P.L.O., act to distort the Jews' tragedy.

Most documents are in Jewish musuems and research centres. These are not used correctly against the history distorters.

Yad Vashem, the foremost centre has three million documents with names of victims of the crematoria.

A number of Jewish people ignore the call by Yad Vashem to forward testimonies and names of their relatives who perished. It is very convenient for many nations to forget the death sentence on Jewry passed at Van-Zee near Berlin in January 1942.

They are helped by the falsifiers who negate the past.

During the second congress of the World Organisation of Fighters, Katzetler and Partisans in Israel in 1977, a commemoration took place for the five million non-Jews annihilated by the Nazis. Simon Wiesenthal then declared "Action against history distorters should be by Jews and non-Jews in a common front. We must bring to the world the fact that the Hitlerites murdered 11 (eleven) million innocent people including six million Jewish men, women and children."

Wiesenthal's declaration was not accepted by the influential people in Israel, nor in the diaspora. The Jewish press criticised Wiesenthal. Even Jewish organisations active against the history distorters rejected Wiesenthal's concept.

We in Australia come across the deceivers. There are books and radio sessions propounding lies about the Holocaust and slander against the Jewish people.

Only recently a group of young Nazis dared to disrupt a meeting of war victims. Those who are in charge of investigations into Nazi activities in Australia are people who did not live through our tragedy in Europe.

Again the people who understand the problems are prohibited from assisting in the fight against anti-Semitism and especially the non-Jews should be co-opted in this fight as well.

Ghetto commemorations are organised by the Katzetler organisations in various lands. Non-Jews are being invited.

It is a mistake not to invite non-Jews to the annual ghetto commemorations in Melbourne, in tribute to the uprisings in Warsaw, Treblinka, Bialystock, Sobibor.

There is a danger that the younger generation of Jews and non-Jews, will soak in the falsehoods of the international movement of revisionist, lying "historians".

W. Jablonski

## RAINDROP

Annette Buchbinder

On the curled tip
of the leaf it waits
— hesitantly
scared of the unknown
then as the naked
wind fiercely touches
every fibre of the tree
the raindrop
falls
and falls into
anonymity.

## WORDS OF VENGEANCE

Annette Buchbinder

Lips that bare
a slight resemblance
to a stone; grave,
that speak of guilt
and all embracing
'motherness'
I laugh to think
of what I have done
to shatter the image
of 'good-little-daughter'.
Mother, if only you knew
you would condemn
me to a life
devoid of your warmth,
your eyes would become
dark, confused pools
of torment —
so I leave you
not really knowing
of my existence.

## YESTERDAY'S NEWSPAPERS

Frederick C. Parmee

Yesterday men read a forest
  and threw it away
Today the leaves of words tumble
about on blind roadways or stray
into deserted doorways to die

Leaves of words that cry
with yesterday's urgency
of men whose lives have run
before the blasts of change
or whose fabric has rotted
in the fierce light of a new sun

Dead men with fixed faces again
Dead ideas that seemed so right at the time
are battered by a fine contempt of rain
  of rain
Fine ideals that were really meant
  at the time
make mockery of the ashes that
  remain

Yesterday men read a forest
  and threw it away
whose giants are falling today?

וואָס טוט מיין שוויגער זיך צו פאַרזאָרגן מיט כשרע מצות אויף די אַכט טעג פסח, ווען מיר וואַרטן אויף אונדז אין פוילן?

— איז מיין שוויגער נישט פויל און לויפט צום באַזאַר און קויפט א גאַנצן זאַק מעל. זי האָט זיך געדונגען מיטן קאַלכאָזניק — ווי זי האָט דערציילט — צוויי שעה און געקויפט א מציאה, בחצי־חינם, באַצאָלט פאַר דעם מעל פונפצן קנאַקנדיקע טשערוואָנצעס. ער, דער קאָלכאָזניק, האָט דווקא געוואָלט זעכצן טשערוואָנצעס — אַ טשערוואָניעץ פאַר אַ קילאָ. בין איך דאָך אַ יידענע, וואָס פאַרשטייט מעשה האַנדל, האָב איך אַראָפּגעריסן אַ גאַנצן טשערוואָניעץ! וואָס זאָגט איר, קינדערלעך, בין איך נישט קיין געניטע סוחרטע?

דאָס זעקל מעל האָט זי אַ נאָמען געגעבן: דאָס פסח׳דיקע, יום־טובדיקע מעל אויף מצות. אין די סאָוויעטישן קלייטן, וואָס הייסן „גאַסטראָנאָמיעס", האָט מען געקענט קויפן קדחת מיט רביאית, נישט קיין מעל.

גוטע שכנים האָבן איר געזאָגט, אַז אין פוילן באַקט מען נישט קיין מצות אויף פסח. אפשר געפינט זיך יאָ אַ ייד, וואָס באַקט מצות, איז דאָס מעל חמצדיק.

מיין שוויגערס מעל, וואָס זי האָט געקויפט אויפן באַזאַר ביים קאָלכאָזניק איז געווען אונטער דער השגחה פונעם סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין אונדזער שטעטל, טאָוואַרישטש סמירנאָוו. מיין שוויגער האָט זיך אויך באַזאָרגט מיט ליכט צום ליכט־בענטשן פרייטיק צונאַכטס, ווייל אין פוילן, קען זיין, זענען נישטאָ קיין ליכט — אַזוי האָבן איר געזאָגט די שכנים.

מיט אַ גרויסע גדולה האָבן מיר דאָס זעקל פסחדיק, יום־טובדיקע מעל ארויפגעשטעלט אויף אַ קאַסטן, וואָס האָט געהאָט אַ נאָמען „קרעדענס".

זי פלעגט קאָמאַנדעווען מיט אונדז: „מ׳דאַרף דאָס זעקל מעל אויף מצות אַראָפּנעמען פון קאַסטן און בעסער ארויפשטעלן אויף דער שאַנק, ווייל עס קען נאָך, חס־וחלילה, זאָל גאָט שומר און מציל זיין, ווערן חמצדיק.

ווען מיר האָבן, אין אַ גוטער און מזלדיקער שעה, פאַרלאָזט דעם „גן־עדן", רוסלאַנד, האָב איך געהאַט וואָס צו טראָגן: אין איין האַנט א גרויסן טשעמאָדאַן און אויף די פלייצעס דאָס זעקל פסח׳דיק יום־טובדיק מעל. האָב איך זיך פאַרשאָלטן די יאָרן מיטן פסח, מיטן זעקל מעל ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין וואַרשע.

דאָס טייערע, ציטערדיקע זעקל מעל איז דערנאָך געשטאַנען פאַריתומט אין אַ ווינקל ביז פורים. עס האָט זיך דאַן ארויסגעוויזן, אַז אין וואַרשע האָט מען געקענט קויפן כשרע מצות, געשיקטע פון די אמעריקאַנער יידן, כאָטש הונדערט פוד, וויפל די נשמה האָט זיך פאַרגלוסט.

מיט טרערן אין די אויגן האָט זיך מיין שוויגער געזעגנט מיטן זעקל פסח׳דיק יום־טובדיק מעל.

ס׳איז ערגעץ פאַרשוווּנדן געוואָרן...

# „אַ ביסל פאַרגעניגן"

## נייע פיעסע פון קאָלין גאָלוואַן,
## פרעזענטירט דורכן אויסטראַליש־יידישן טעאַטער,
## אונטער דער רעזשי פון פיי מאַקאָטאָוו

אין דער פאָרשטעלונג נעמען אָנטייל די אַרטיסטן: באַרבאַראַ פירער; פאול גלאַס; אַננאַ מלינעק, יאָני פריאַר; ראָבין סאַפער; דעני סעגאַל; נאַטאַן סערי; אורי אוניקאָווסקי.

די פאָרשטעלונג — אין דער ענגלישער שפּראַך — קומט פאָר אין „קדימה"־טעאַטער, עלסטערנוויק, דעם 24טן אַפּריל, 8 אָוונט; דעם 25טן 3 נ"מ; דעם 2טן מאי — 3 נ"מ און 8 אָוונט.

די פיעסע „אַ ביסל פאַרגעניגן" גיט אָפּ כבוד די וואָרצלען פון יידישן טעאַטער. די אַקציע קומט פאָר אין מזרח־אייראָפּע, לאָנדאָן און ניו־יאָרק, צום סוף פון פאַריקן י. ה. עס ברענגט צום אויסדרוק די ברויזנדע און ספּעציפיש יידישע אַטמאָספער ביים אָנהויב פון יידישן טעאַטער.

זי טוט עס כדי לעבעדיק אויפצוהאַלטן די אַטמאָספער, און זי ווערט אַריינגעפירט אין נייע טעאַטראַלישע פראַגמענטן.

אין דער פאָרשטעלונג זענען איינגעגלידערט אָריגינעלע און טראַדיציאָנעלע לידער און מוזיק.

דאָס אויסטראַליש־יידישע טעאַטער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צוזאַמענצוברענגען פּראָפעסיאָנעלע אַרטיסטן־יידן, כדי צו שטעלן פיעסן אויף טעמעס פון יידישער פאַראינטערעסירונג — האָפנדיק, אַז דאָס וועלן זיין אָריגינעלע אויסטראַליש־יידישע פיעסן.

„אַ ביסל פאַרגעניגן" איז אַן אָריגינעלע פיעסע, געשריבן אין מעלבורן. זאָל דער פּרווו זיין אַ געלונגענער, איז פאָרויסגעזען צו פאַרוואַנדלען דעם טעאַטער אין אַ פּערמאַנענטן יידישן טעאַטער אין דער ענגלישער שפּראַך, וואָס זאָל שפּילן אין מעלבורן. דאָס וועט זיין אַ פּראָפעסיאָנעלער עטנישער טעאַטער, צוגענגלעך פאַר זיין אייגענער סביבה און אויך פאַרן אַלגעמיינעם טעאַטער־באַזוכער.

די פאָרשטעלונג קומט פאָר אונטערן פּאַטראָנאַזש פון „קדימה".

וועגן אינפאָרמאַציע און בילעטן קלינגען צו: דעביע פרייבערג (1683־862); מינאַ פינק (3480־267).

הנחה־בילעטן פאַר פּענסיאָנערן, סטודענטן און גרופּן.

אין ניו־יאָרק און כמעט בלויז מיט ניו־יאָרקער מיטאַר־בעטערס, און פון ניו־יאָרק אויס איז געווען שווער אַרומ־צונעמען די גאַנצע רעגיאָנעלע יידישע ליטעראַטור אין דער וועלט, — אַ זאַך, וואָס איז אויסגעמיטן געוואָרן אין אַכטן באַנד.

גרויסע בלויזן זיינען דאָ ניט נאָר צוליב די פעליקע שרייבערס, נאָר אויך אין די שוין געדרוקטע ביאָגראַפיעס אין די פריערדיקע בענד.

ערשטנס, איז דאָס אַן אומפאַרמיידלעכע זאַך: אין משך פון 25 יאָר זיינען אַ סך שרייבערס אַוועק פון דער וועלט און מען מוז פאַרצייכענען זייער יאָרצייט.

צווייטנס, אין אַ ריי ביאָגראַפיעס ווערט צוגעגעבן: „ביאָגראַפישע ידיעות פעלן" אָדער „גורל אומבאַקאַנט". דאָס רוב איז עס נוגע יידיש־סאָוויעטישע שריפטשטעלערס. אַ סך זאַכן זיינען אויפגעקלערט געוואָרן אין די שפּעטער־דיקע יאָרן און ס'איז אַ חוב עס מוסיף צו זיין צו די גע־דרוקטע ביאָגראַפיעס.

דאָ איז ניט דאָס אָרט זיך אַריינצולאָזן אין פּרטים, אָבער זאָל עס אילוסטרירט ווערן מיט איין פּאַסיקן ביישפּיל: הירש אַשעראָוויטש. דער דאָזיקער איצט־באַקאַנ־טער דיכטער האָט סך־הכל 9 שורות אין זיין ביאָגראַפיע, האָט ניט קיין געבוירן־דאַטע, „זיין גורל איז אומבאַקאַנט" און האָט ניט קיין איין בוך — אָבער איצטער לעבט ער אין תּל־אָביב און האָט שוין אַרויסגעגעבן נאָענט צו אַ צענדליק ביכער. אַזאַ ביאָגראַפיע דאַרף ניט בלויז פאַר־ריכט ווערן, נאָר זי מוז אינגאַנצן איבערגעשריבן ווערן.

דריטנס, עס גייט ניט בלויז וועגן זיינע ריין־ביאָגראַ־פישע ידיעות, נאָר קודם־כל טאַקע וועגן נייע ליטעראַרישע אויפטועכץ פון אַ שרייבער. פאַראַן ביאָגראַפיס פון שריי־בערס, וואָס אין זיי ווערט ניט פאַרצייכנט קיין איין איינציק בוך, אָבער שפּעטער האָבן זיי פאַרעפנטלעכט עטלעכע ביכער; אָדער פריער ווערן אָנגעגעבן צוויי ביכער און די שפּעטערדיקע 5 ביכער פעלן.

אויך דאָ קען מען ניט אַריינגיין אין פּרטים, אָבער זאָל דאָ געבראַכט ווערן איין אילוסטראַציע: חיים גראַדע. וועגן גראַדען דאַרף מען ניט מאריך זיין, אָבער אין זיין ביאָגראַפיע פעלן אַ ריי לעצטע פּראָזעווערק זיינע.

גאָר אַ גרויסער „מוז" איז דאָס אַריינגעבן שרייבערס, וואָס זענען אויפגעקומען ערשט אין די פופציקער יאָרן און ווייטער. וועגן זיי בעיקר האָבן מיר געהאַט אין זינען, ווען מיר האָבן אויבן געזאָגט, אַז מען האָט גאָרניט קיין השגה ווי גרויס זייער צאָל איז.

און צום סוף:

אַכט בענד מיט אַרום זיבן טויזנט ביאָגראַפיעס — וואָלט געווען פּשוט אַ נס, אַז ס'זאָלן ניט אַריינפאַלן קיין פעלערן און טעותן. פאַראַן טעותן, וואָס דער לייענער קען עס גלייך כאַפּן, און מען קען זיי דורכלאָזן. אָבער פאַ־ראַן אַזעלכע, וואָס מוזן פאַרריכט ווערן, ווייל זיי פאַר־פירן און פאַרדרייען אָפט די ביאָגראַפיע (פאַלשע נעמען, ניט־ריכטיקע דאַטעס, בטעות אָנגעגעבענע ביכער אאַ"וו).

צוליב די אַלע פריער־אויסגערעכנטע זאַכן דאַרף מען האָבן אַ מילואים־באַנד צום „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור" — און געטאָן ווערן מוז עס גלייך, ווייל די שעה איז אַ שפּעטע, און קיין נייער דור שטייט ניט אין טיר אויסצופירן די דאָזיקע גרויסע און וויכטיקע אויפגאַבע.

*) וועגן פראַגן וואָס האָבן אַ שייכות צום מילואים־באַנד, קאָן מען זיך ווענדן צום פּר' אייזענבוד, אויפן אַדרעס פון רעדאַקציע.

### לעאָן אַלשינאַ

# האָט אַ ייד אַ שוויגער...

(פראַגמענט פון אַ דערציילונג)

דאָ, אין אונדזער נייעם לאַנד האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, אַ פרידזשעדער. היינט איז מיר שווער זיך פאָרצו־שטעלן ווי אַזוי קען מען בכלל לעבן אָן אַ פרידזשידער? אין רוסלאַנד האָבן מיר געוווינט אין אַ קליין שטעטל און מיר האָבן געהערט, אַז ערגעץ אין דער ווייטער וועלט זענען פאַראַן אייזערנע קאַסטנס, וואָס אַרבעטן אויף עלעק־טריע און אין זיי קען מען האַלטן פליש, פיש, פּוטער און אַנדערע פּראָדוקטן וואָכן־לאַנג און זיי ווערן נישט קאַליע. צו האָבן אַזאַ קאַסטן איז געווען אַ חלום, ספּעציעל זומער־צייט.

דאָך, האָט מיין שוויגער צוגעטראַכט אַ פּריזשידער, ווען מיר האָבן געוווינט אין רוסלאַנד אין אַ קליין שטיבל, וואָס האָט געהאַט אַ דאָפּלטן פענצטער. איך מיין, אַז דעם גרויסן און באַוווּסטן דערפינדער עדיסאָנען וואָלט נישט איינגעפאַלן אין קאָפּ אַזאַ חכמה, אַז מען זאָל פון אַ דאָפּלטן פענצטער קענען מאַכן אַ פרידזשידער. וואָס האָט מיין קלוגע שוויגער געטאָן?

זי האָט צעטיילט דאָס דאָפּלטע פענצטער אויף דריי חלקים: די רעכטע זייט האָט זי אַ נאָמען געגעבן דאָס פליי־שיקע פענצטער. די לינקע זייט האָט געהייסן דאָס מילכיקע פענצטער. אין צווישן דעם פליישיקן און מילכיקן, אַ פּיצל נייטראַל אָרט האָט מיין שוויגער אַ נאָמען געגעבן דאָס פּאַרעווע פענצטער.

פלעגט מיין שוויגער זאָגן:

— חנהלע, טאָכטער־לעבן גיב דאָס שטיקל לעבער פון פליישיקן פענצטער!

אָדער: — גיב מיר, טאָכטער־קרוין, דאָס שטיקל הע־רינג פון פּאַרעווען פענצטער! דער מילכיק־פליישיק־פּאַרעווע פענצטער האָט, אָבער געהאַט איין חסרון: ער האָט געאַר־בעט נאָר ווינטער־צייט.

נאָך לאַנגע באַמיאונגען און ליידן, האָבן מיר ענדלעך באַקומען די דערלויבעניש אַרויסצופאָרן פון רוסלאַנד קיין פּוילן.

איז ער געווען אידל. ער פלעגט זאָגן צו זיין פרוי „געלויבט איז גאָט, אַבי אַ שטיקעלע ברויט, אויף שבת אַ חלה, גאָט צו דאַנקען!" מיכאַעלס האָט אים אַזוי נישט געשפּילט, ער האָט אים געשפּילט אַזוי: „ווי איז מיר, דאָס פעלט, און דאָס פעלט, און דאָס איז נישטאָ, און דאָס איז נישטאָ, ווי אַזוי לעבט מען, איך האָב קינדער..." בורטשען, בורטשען, בורטשען. דאָס איז געווען מיכאָעלסעס סטיל שפּילן, ער האָט אָנגעהויבן שפּילן פאָרמאַליסטישן טעאַטער.

מיכאָעלס איז געווען דער פאָרזיצער פון יידישן קאָנגרעס, דער גרויסער טוער לטובת יידישער קולטור. גיט אַ קוק אויף דעם קאָנטראַסט: פאַר יידישקייט פלעגט ער דאָס לעבן אַוועקגעבן, טאַקע בכל לבבו ובכל נפשו. אָבער מיכאָעלס איז געווען פאַרבלענדט. אין די ערשטע יאָרן האָט ער געמיינט אַז מע דאַרף זיין קאָמוניסטיש. ער איז געווען א גרויסער טוער פאַר קאָמוניזם. שפּעטער האָט ער דערפילט, אַז אין רוסלאַנד קומט פאַר אַ שוידערלעכע דיקטאַטור. ער האָט דאָס דערזען ווען ס'איז געשלאָסן געוואָרן דער בונד צווישן מאָלאָטאָוו און ריבענטראָפּ. האָט מיכאָעלס ע"ה אין גאַנצן זיך געענדערט. צו מענטשן, פּריוואַט, איז ער געווען פול מיט ליבשאַפט. נאָך דעם פאַקט איז ער געוואָרן פריינדלעך מיט אַרטיסטן. האָט מען אים נישט דערקענט. און ער פלעגט זאָגן, „אונדזער ציל איז בויען יידישקייט אין אונדזער קאָמוניסטישן פאָטערלאַנד... מיר דאַרפן ענדערן דעם אלף־בית". (למשל נישט „אמת" נאָר „עמעס") דאָס איז געווען זיין שוואַכקייט.

סטאַלין האָט שפּעטער ליקווידירט די יידישע פּרעסע, און דאַן האָט ער זיך גענומען צו מיכאָעלסן און צו זוסקינען, וואָס זענען געווען די קווינטעסענץ פונעם טעאַטער. ער האָט נישט אַרעסטירט מיכאָעלסן אים האָט מען דערהרגעט אין גאַס. אָבער זוסקינען האָט ער געוואגט אַרעסטירן. און ער האָט זיי ליקווידירט צוליב פּאָליטישע און יידישע טעמים.

(מע האָט געפרעגט פריינד וואַרשאַווסקין וועגן דער פּיעסע „מסעות בנימין השלישי פון מענדעלע מוכר־ספרים).

„ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָט מיכאָעלס זיך געביטן, אויפגעהערט צו מאַכן עקספּערימענטן פון פאָרמאַליסטישן טעאַטער. און ווען ער האָט געשפּילט „מסעות בנימין השלישי", האָבן ער און זוסקין געשאַפן אמתע תקופה־יידעלעך, דאָס וואָס ס'האָט געמיינט מענדעלע, אַזוי אידל און הויך־קינסטלעריש, אַז איך טראַכט איצט צו וואָסער מדרגה די מענטשן זענען דערגאַנגען. קיין שום אַקטיאָר אויף דער יידישער בינע קען זיך מיט זיי נישט פאַרגלייכן!

---

בער׳ל כהן (ניו־יאָרק)

# וועגן א מילואים־באַנד צום לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור*)

דער ערשטער באַנד „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור" איז ארויס אין 1956, דער אַכטער און לעצטער באַנד — אין 1981.

ווי פאַרערגערט ס'איז נישט געוואָרן די מערכה פון יידיש אין דער וועלט, איז אָבער די יידישע ליטעראַטור נישט אַזוי שווער געטראָפן געוואָרן פון די פאַרגאַנגענע 25 יאָר. שטאַרק געליטן האָבן די טאָגפּרעסע און פּעריאָדיק אויף יידיש — אַחוץ ישראל — און די צאָל אונטערגעגאַנגענע יידיש־צייטונגען און צייטשריפטן איז אַ גרויסע. דאָס אַלץ האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט בלייבן אָן אויסווירקונגען אויף דער יידישער ליטעראַטור, אָבער נאָר אויף איר פאַרנעם, נישט צו שטאַרק אויף איר שאַפערישן אימפּעט.

אויב מען פאַרנעמט זיך נישט דירעקט מיט די ענינים, קען מען גאָר קיין השגה נישט האָבן וועגן יידיש־ליטעראַרישן שאַפן אין לעצטן פערטל יאָרהונדערט. מען שרייבט בעיקר וועגן איינצלנע שרייבערס, אָבער דער גאַנצער ספּעקטער פון דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור אין דער לעצטער תקופה בלייבט פאַרהוילן. דער דאָזיקער בלויז קען צום טייל אויסגעפילט ווערן פון אַ דערגאַנצנדיקן באַנד צום „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור".

די רעדאַקטאָרן פון די ערשטע זיבן בענד „לעקסיקאָן" האָבן בשעתם מסכים געווען צו די פאָדערונגען פון אַ ריי יידישע שרייבערס, אַז מען זאָל נישט אריינגעמען זייער ביאָגראַפיע. אַזוי אַרום זענען ארויסגעפאַלן עטלעכע צענדליק נעמען, בתוכם יצחק באַשעוויס־זינגער, אהרן צייטלין, אברהם גאָלאָמב, קאַדיע מאָלאָדאָווסקי און אַנדערע (ביי דער געלעגנהייט זאָל דערמאָנט ווערן, אַז די רעדאַקטאָרן פון אַכטן באַנד זענען אַרויס פון דער הנחה, אַז ליטעראַרישע שאַפונגען זענען נישט קיין אייגנטום פון דעם שרייבער, נאָר געהערן צום אוצר פון דער גאַנצער ליטעראַטור. זייער אייגנטום איז עס נאָר אויף וויפל עס גייט וועגן פאַרקויף פון זייערע ביכער אָדער שוץ קעגן פּלאַגיאַט, אָבער האָבן נישט קיין דעה צו זאָגן וועגן יאָ אָדער נישט געבן זייער ביאָגראַפיע אין אַ לעקסיקאָן).

אָבער דאָס איז נישט דער גרעסטער חסר. אין די פריערדיקע בענד פעלט בכלל אַ גרעסערע צאָל שרייבערס, ווייל מען איז נישט דערגאַנגען צו זיי אָדער מען האָט פשוט נישט געוווסט וועגן זיי. דאָס איז באַזונדערס כל אויף שרייבערס מחוץ אמעריקע, קאַנאַדע. די גאַנצע באַאַרבעטונג פון דעם מעטעריאַל איז קאָנצענטרירט געוואָרן

הערשל גלעזער

# אַרום דעם סאָוויעטישן יידישן טעאַטער

## אַ שמועס מיט מרדכי־מאיר וואַרשאַווסקי

איך בין געבוירן געוואָרן אין 1913 אין פוילן, אין דער שטאָט שידלאָוויץ. מיין פאָטער איז געווען אַ דיריגענט און אַ לערער. אין ראַדעם האָט ער געענדיקט אַ מוזיקאַלישע הויכשול, און אין דער זעלבער צייט האָט ער ליב געהאַט צו זיין אַ בדחן. איך האָב געענדיקט אַ טעאַטער־אוניווערסיטעט אין רוסלאַנד. מיין פאָטער איז געווען דער איינציקער וואָס האָט אויסגעהאָדעוועט אַכט זין מיט צוויי טעכטער. אַלע מיינע ברידער זענען אויך געווען פאַרבונדן מיט קונסט; נאָר קיין איינער פון זיי איז נישט געוואָרן קיין פּראָפעסיאָנעלער אַרטיסט. בין איך דאָס געוואָרן.

עטלעכע יאָר האָבן מיר געוווינט אין אָריאָל (רוסלאַנד), וווּ מיין פאָטער איז געווען א לערער אין אַ מין קאָנסערוואַטאָריום. ער האָט געלערנט קינדער שפּילן אויף פאַרשיידענע מעשענע אינסטרומענטן. ער אַליין האָט געשפּילט אויף אַלע מעשענע אינסטרומענטן, און דרך־אגב איז ער געווען ענלעך להדיל צו ניקאָליי דעם צווייטן.

אַז איך האָב געענדיקט דעם טעאַטער־אוניווערסיטעט, האָב איך אָנגעהויבן שפּילן טעאַטער. איך האָב געשפּילט אין רוסישן טעאַטער, ווייל איך האָב דאָך געענדיקט דעם אוניווערסיטעט נישט אויף יידיש, נאָר אויף רוסיש. אָבער אין יענע צייטן האָט מען נאָך דערלויבט יידיש אין רוסלאַנד.

איך האָב געשפּילט אין רוסישע טעאַטערס. איך קען אויסרעכענען פינף טעאַטערס. פאַר וואָס? עס קלינגט מאָדנע, געשפּרונגען פון איין טעאַטער צום צווייטן. עס איז געווען א געזעץ, דער וועלכער ענדיקט אין יעדער גרויסער שטאָט אַן אַקאַדעמיע, גיט מען אים אַרבעט, אויב ס׳איז דאָ, אין דער שטאָט. אָבער אויב עס זענען דאָ צו פיל, לאָמיר זאָגן אַרטיסטן, שיקט מען זיי אין אַנדערע שטעט אויף דריי יאָר, און דאַן קומען זיי צוריק אין דער שטאָט וווּ זיי וווינען. איך האָב געענדיקט דעם טעאַטער־אוניווערסיטעט אין מאָסקווע, און פון דאָרטן האָט מען מיך געשיקט שפּילן טעאַטער אין טאַשקענט. איך האָב זיך נישט געוואָלט אָפּרייסן, אָבער איך האָב געמוזט. און אין מאָסקווע איז געווען עסן אויף צרות, אָבער טאַשקענט איז אַלע מאָל געווען „די שטאָט פון ברויט". האָב איך געשפּילט דריי יאָר אין טאַשקענטער טעאַטער (אויף רוסיש). אויף דער זעלבער גאַס איז געווען דער יידישער מלוכהשער טעאַטער. אין די אַמאָליקע צייטן זענען געווען אין רוסלאַנד 43 מלוכה־טעאַטערס. קומט אַ מאָל דער רעזשיסאָר פון יידישן טעאַטער צו אונדז, און מען זאָגט אים, „דאָס איז אַ סטודענט פון מאָסקווע, אָבער ער שפּילט שוין זייער שיין". זאָגט ער אַז עס פעלן אויס יידישע אַקטיאָרן „אויב ער קען יידיש, פאַר וואָס זאָל ער נישט שפּילן ביי אונדז?".

דער הויפּט־רעזשיסאָר פון (מאָסקווער) יידישן מלוכה־טעאַטער איז געווען גראַנאָווסקי. ווען ער איז אַוועק פון יידישן טעאַטער, איז געוואָרן שלמה מיכאָעלס דער רעזשיסאָר. שלמה מיכאָעלס איז געווען אַ גרויסער אינטעלעקטואַל, און אַ גרויסער אַרטיסט. אָבער צו די אייַדעלע, ליבעראַלע מענטשן האָט ער נישט געהערט. ער איז געווען שטרענג אין סטיל פון קאָמוניזם. ער איז געווען זייער ערנסט, און האָט זייער זעלטן געלאַכט. אָבער טאָמער האָט מען באַוווּלט אַן אַקטיאָר אין א רעצענזיע, פלעגט ער גיין אין צייטונג און זאָגן, „דער אַרטיסט האָט געמאַכט וואָס איך האָב אים געלערנט. איך בין פאַראַנטוואָרטלעך!". ער פלעגט שרייען אויף די אַקטיאָרן. ער פלעגט זיי נישט באַליידיקן, נאָר ער איז געווען צו שטרענג. אחוץ דעם האָט ער געהאַלטן אַז עס איז נישטאָ קיין גרעסערער אַרטיסט פון אים אויף דער וועלט. איך האָב נישט געאַרבעט ביי מיכאָעלסן, ווייל איך האָב געוואָלט שפּילן אויף רוסיש, אָבער איך פלעג קומען אויף אַלע דיינע פאָרשטעלונגען.

בנימין זוסקין איז געווען א יידישער מלאך. ווען איך רעד וועגן אים, ווילט זיך מיר וויינען... זוסקין איז געווען א טייערער מענטש און אַ גרויסער קינסטלער, און יעדן איינעם פלעגט ער די נשמה אַוועקגעבן. ער איז געווען אַזאַ איידעלער. דאָס איז געווען זיסקין — ווי אַן אַרטיסט, אפשר נישט קלענער ווי מיכאָעלס. אַזוינע מין מענטשן האָבן געשאַפן די גלאָריע פונעם יידישן מלוכה־טעאַטער אין מאָסקווע.

מיכאָעלס האָט געשאַפן א נייעם סטיל שפּילן טעאַטער. אין רוסלאַנד איז געווען אַ צייט ווען מען האָט געשפּילט פוטוריסטיש, רעאַליסטיש־טעאַטער, פאַרשידענע ריכטונגען. למשל, ביי מיכאָעלסן איז „טביה דער מילכיקער", פון שלום־עליכמען, געווען נישט דער ייד טביה, נאָר אַ רוס, אַ פויער וועלכער אַרבעט, צווייפלט אין גאָט. ער פלעגט דאָס פאַראינטערנאַציאָנאַליזירן. איז עס טאַקע מיר, און אַ סך יידן, נישט געפעלן.

אין שלום־עליכמס „דאָס גרויסע געווינס" שפּילט מיכאָלעס די הויפּטראָלע, שימעלע סאָראָקער. שימעלע איז אַן איידל יידעלע, אַן אָרעם יידעלע פון א קליין שטעטעלע, וועלכער איז פלוצלינג געוואָרן אַ גביר. ער האָט געוווּנען דאָס קוויטל אויף 200,000, שפּילט ער אים נישט ווי דאָס יידעלע. שפּילט ער אים אַ יידל וואָס איז אומצופרידן מיט אַלעמען. ווי קומט עס? לויט שלום עליכמען

זי האָט נאָר געפּרוּווט אין געדאַנק אים נאָכצוגיין, טאָמער וועט איר געלינגען אַרויסרופן די עמאָציעס, דעם אינערלעכן ציטער — וואָס ליפע האָט אין יענע רגעס געשפּירט. זי האָט זיך אַליין געפרעגט:

— צוּוואָס דאַרף איך עס? אָבער אַן אינערלעכע ציִונג האָט איר סיי ווי באַוועגט אין דער ריכטונג.

— האָט זי געזוכט די סימנים פון יענע איבערלעבונגען? זי האָט אינסטינקטיוו רעגיסטרירט ליפעס געפילן. ציט עס אים צוריק אין וואַלד? וועט זי קאָנען דעם וואַלד אויסוואָרצלען פון אים?

זי האָט טייל מאָל מורא געהאַט: אויב עס וועט איר געלונגען, וואָס וועט פאַרנעמען דאָס דאָזיקע אָרט? דער וואַקום האָט איר געשראָקן.

ליפע האָט גערעדט און נישט דערזאָגט. ער האָט טייל ווערטער אויסגעדריקט מיט אַ זשעסט; מיט אַ מאַך מיט דער האַנט.

די דערינערונגען זענען געלאָפן האַסטיקער, ווי די העברעישע אויסדרוקן, וועלכע ער האָט געמוזט אויסזוכן און צוזאַמענשטעלן.

— נאָכן יאָר האַלטן די ייִנגלעך פאַרבאַהאַלטן אויפן בוידעם, האָבן אויך זובאָוויטשעס נערוון נישט אויסגעהאַלטן. ער האָט אַריינגעפּאַקט די ייִנגלעך אין אַ וואָגן מיט היי, און אַרויסגעשמוגלט זיי פון שטאָט, צו די פּאַרטיזאַנער.

אַ ייִדישע משפחה האָט די קינדער אַרויסגענומען פון אַ סאָוויעטישן יתומים־הויז, און געבראַכט קיין ישראל.

צום סוף פון דערציילן, האָט ליפע פאַרגעסן, אַז ער רעדט צו פנינהן; אַז פנינה פאַרשטייט בלויז עברית.

ער האָט ווייטער געפיבערט מיט יענע טעג. זובאָוויטש דער שוסטער פון קאַזשימער... דאָס געטאָ... דער אויפשטאַנד... דער ברענענדיקער סטויג היי... די ציאַנקאַלי טאַבלעטן...

פנינה האָט אים אָנגערירט ביים האַנט. דערפילנדיק איר וואַרעמע באַרירונג: דערזען איר מילדן בליק באַצירט מיט פייכטע אויגן — האָט זיך דער לויף פון די געשעענישן אָפּגעשטעלט.

איר נאָענטקייט האָט אויף אים געווירקט ווי אַ באַלאַנסירונגס־מיטל. נעבן איר האָט ער צוריק געפונען זיין גלייכגעוויכט. זי איז געווען די גרענעץ צווישן דאָ — און דאָרטן.

ער האָט געקוקט אויף איר מיט פאַרחלומטע אויגן, און געוואָלט זי זאָל זיך דורך זיי אַריינגיסן אין אים, און בלייבן דאָרט אויף תמיד. ער האָט זי געוואָלט אַרומנעמען, צודריקן צו זיך און פילן, אַז זי איז באמת נעבן אים. אַז דאָס איז נישט קיין מיראַזש פון אַן איינזאַמער נשמה...

— דערצייל — האָט פנינה געבעטן — דריקט עס נישט אויף זיך, און דאַן האָט זי שטיל געפרעגט:

— האָט לוי געהאַט אַ נאָענטן, אַ חברטע למשל, מיט וועמען ער זאָל קענען טיילן זיינע איבערלעבונגען, זיינע געפילן? עמעצער וואָס זאָל האָבן גענוג פאַרשטענדעניש צו העלפן אים טראָגן זיין טרויער, אים זאָל עס לייכטער ווערן?

ליפען האָט די פראַגע אי געוווּנדערט, אי אינטריגירט:

— וואָלט אַ חברטע עס געקאָנט פאַרמיידן?

— אַ חברטע וואָלט אים אפשר געוויזן אַן אַנדערן וועג. אַ מיידל וואָס איז דאָרטן נישט געווען. איינער, וואָס איז פרעמד דער פחד, די נויט פון באַהאַלטן זיך; אַ מיידל וואָס וויס אפילו נישט, וואָס אַ בוידעם באַדייט. זי וואָלט אים אָנגעשטעקט מיט איר לעבנסלוסט.

פאַרשטייסט: ער האָט געדאַרפט עמעצער זאָל אים העלפן אַראָפּגיין פון בוידעם און אַריינגיין אין לעבן, אין אַ משפחה. אין פליכטן פאַר דער משפחה...

אין ליפען האָט עפּעס אַ צאַפּל געטאָן:

— אירע באַמערקונגען וועגן לוין: מיינט זי נישט אַ מאָל אויך מיך?

ער האָט אַרויסגענומען די ציַיטונג פון איר האַנט, צעגנויפגעלייגט זי אין פירען און באַהאַלטן אין טאַש.

פנינה האָט אויסגעצויגן די האַנט און געבעטן די ציַיטונג.

— צו וואָס דאַרפסטו די ציַיטונג? — האָט ער פאַרוווּנדערט אַ פרעג געטאָן. אים איז איינגעפאַלן:

— האָט זי נישט קיין צוטרוי צו מיר? זעט זי אין מיר — מיינע נעכט, און האָט מורא — טאָמער שטעק איך מיך אָן?

נישט וואַרטנדיק אויף איר ענטפער, האָט ליפע איר דערלאַנגט די ציַיטונג.

פנינה האָט שוין אפילו גרייט געהאַט די דערקלערונג, צו וואָס זי דאַרף די ציַיטונג, אָבער זי האָט אַ טראַכט געטאָן:

— טאָמער איז עס נאָך צו פרי?

ביי זיך האָט זי שוין געהאַט אָפּגעמאַכט:

— זי וועט זיך פאַרנעמען אויסצוקורירן אים ווייטער פון דאָרטן און נענטער צו זיך...

---

„זאָלסט קיינמאָל נישט אַוועקבאָרגן קיין בוך. קיינער קערט זיי סיי ווי נישט אום צוריק.

די איינציקע ביכער וועלכע געפינען זיך ביי מיר אין ביבליאָטעק זענען די — וועלכע פריינד האָבן מיר געבאָרגט".

**אַנאַטאָל פראַנס**

---

אַלע ביכער וואָס איר ווילט לייענען — קענט איר געפינען אין דער „קדימה"־ביבליאָטעק.
זי איז אָפן יעדן זונטיק פון 11 ביז 1 נ"מ.

---

ער נאָך אַלץ אין וואַלד. עס איז דאָ אַ פֿאַרבאָהאַלטענע כוונה אין זײַן אײַפֿערדיקן לייענען ביכער: געפֿינען די סטעזשקע, וואָס יענע, די שרײַבער פֿון די ביכער האָבן אויסגעטראָטן דורך די יאָרן פֿון לעבן מיט ביימער. אפֿשר האָבן זיי געפֿונען אַ וועג אַרויס?

ער וויל דערגיין דעם סוד, פֿאַרוואָס די נאַליבאָקער פּושטשעס זענען אים נאָכגעגאַנגען ביזן אולפּן פֿון כּפֿר סבֿא... פֿאַרוואָס פּנינה זעט זיי ניט, כאָטש ער קאָן אָנטאַפּן יעדן בוים באַזונדער. ווי האָבן זיי זיך באַוויזן אַפּצורייסן פֿון די וואָרצלען און אים נאָכגיין, ווי געטרײַע הינט?

פּנינה, די לערערין, וואָס האָט שטודירט פּסיכאָלאָגיע וואָלט אפֿשר געקאָנט דאָס רעטעניש באַשיידן. פֿעלן אים אָבער נאָך פֿיל ווערטער זײַן צושטאַנד צו דערקלערן. ער פֿילט: פּנינה פֿאַרשטייט אים. אָבער דאָס איז מער מיטן געפֿיל, מיט דער נשמה. זי וויל אים די ווערטער אונטערזאָגן, און האָט מורא, טאָמער וועט ער זיך דערפֿילן פֿאַרשעמט.

פּנינה אַליין ראַנגלט זיך מיט דער רעטעניש פֿון אירע געפֿילן. אין די עטלעכע יאָר פֿון קומען אין קאָנטאַקט מיט שילער אין אולפּן, איז אין איר אויפֿגעגאַנגען אַ באַדערפֿעניש צו ווערן נאָענט דווקא מיט אַ מענטשן וואָס איז פֿול מיט קאָמפּליצירטע שטימונגען און געפֿילן. זי פֿילט: אין אים ראַנגלען זיך צוויי נשמות פֿאַר דער העגעמאָניע פֿון גוף: איינע, וואָס וויל אָפּטיילן דעם דאָרטן, און פֿאַרזייען דעם קערן אין נײַעם באָדן; די צווייטע — וואָס פֿילט זיך פֿאַרבונדן מיטן פֿאַרגאַנגענעם, וואָס קאָן זיך פֿון נעכטן נישט אָפּרײַסן.

באַמיט זי זיך אָפּצווענדן זײַנע געדאַנקען פֿון די קאָשמאַרנע טעג און אויפֿוועקן אין אים אַן אינערלעכע באַדערפֿעניש פֿון איבערפֿלאַנצונג. די דאָזיקע באַדערפֿעניש — דאַרף ער פֿילן — איז אויפֿגעקומען אין אים אַליין, אָן זײַטיקער אַרײַנמישונג.

אין רגעס פֿון מידקייט, פֿון אינערלעכע אָמפּערנישן און פּרוּוון אָנצייכענען פֿאַר זיך אַ געוויסן וועג אין לעבן, טוט עס פֿאַרט אין אים אַ מאָן:

זיי זענען געבליבן דאָרטן און ער איז דאָ.

דאָס נישט קאָנען ווי געהעריק זיך אויסדריקן אין עבֿרית, האָט אים דענערווירט.

צום סוף האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— וועט מיר גרינגער ווערן, אויב זי וועט מיט מיר דורכקריכן די אַלע באַהעלטענישן אין בלאָטעס, וווּ כ׳האָב איבערגעלאָזט מײַנע בעסטע פֿרײַנד? קען זי דען זען זייערע פּנימער פֿאַרגליווערט פֿון פּײַן און שרעק? און ער האָט געמוזט יאָגן ווײַטער... ווײַטער...

אַ שטראַל טוט אַ לייכט אין דער פֿינצטערניש. אַ שטראַל פֿון האָפֿענונג:

— אפֿשר איז גוט, וואָס זי איז דאָרטן נישט געווען. אויך איר האָב איך דאָך געקאָנט פֿאַרלירן...

✶

אַ פֿרײַנד האָט אים צוגעשיקט אַ צײַטונג. דער עבֿרית איז געווען אַ האַרבער. די נעמען — אייגענע. ער האָט דערשפּירט, אַז עפּעס האָט עס צו טאָן מיט דאָרטן און מיט אים.

אוודאי געדענקט ער:

צוויי יידישע יינגלעך האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אויף אַ בוידעם בײַ אַ שוסטער, אַ ווײַסרוס. ער געדענקט דאָס הויז, די משפּחה. אפֿילו די צוויי טעכטער געדענקט ער. אַ גאַנץ יאָר זענען די צוויי יינגלעך פֿון זיבן און נײַן יאָר געלעגן אויפֿן בוידעם. איז אַ יאָר אַזוי פֿיל אין אַ מענטשנס לעבן? און באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אַז אין יענע יאָרן האָט געשפּילט אַ ראָל איין סעקונדע — און די סעקונדע איז געווען די גרענעץ פֿון בלײַבן — אָדער מאַסן־קבֿר.

ער האָט געבעטן פּנינהן פֿאַרצולייענען. זי האָט געלייענט. געקוקט אויף אים און ווידער געלייענט.

זי האָט געזוכט דעם שייכות.

„די טעג האָט מען אין אַ בוידעם־שטיבל פֿון אַ חורבה אין דאָרף עין כּרם געפֿונען דאָס געביין פֿון לוי נייפֿעלד — אַ סטודענט פֿון לעצטן יאָר מעדיצין. ער איז פֿאַרשוווּנדן מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק. נעבן סקעלעט האָט מען געפֿונען אַ טעקע מיט קליידער און צוויי פֿלעשלעך, וואָס האָבן לויט אַלע סימנים אַנטהאַלטן דעם סם. געווען אויך דרײַ בריוו, און לויט זיי האָט מען דעם בחור אידענטיפֿיצירט".

פּנינה האָט גאָרנישט געזאָגט. אין אירע קלוגע, בלויע אויגן האָט געפֿינקלט אַ טרער און אַ פֿראַגע־צייכן.

— לוי איז געווען דער יינגערער, דער זיבן־יאָריקער. מיר שטאַמען פֿון זעלבן שטעטל. קען אַ זיבן־יאָריקער טראָגן אין זיך דעם קאָשמאַר, די שרעק, דעם גרויל גאַנצע צוואַנציק יאָר?

— מ׳זאָגט: דעם פֿאַרברעכער ציט צום אָרט פֿון פֿאַרברעכן. אָבער לוי האָט בלויז אויסבאַהאַלטן דאָס פּיצל לעבן פֿון אַ ייִדיש יינגל. אין יענע יאָרן איז עס טאַקע געווען אַ פֿאַרברעכן. דער בוידעם איז אים נאָכגעגאַנגען. די פֿינצטערניש האָט זיך אײַנגעקלאַמערט אין זײַן נשמה ווי אַ ראַק, און האָט זי ביסלעכווײַז אָפּגעטויט.

ער האָט מורא געהאַט פֿאַרן בוידעם — און ס׳האָט אים געצויגן צו אים. ער איז אַן אײַנזאַמער אַדורך — פֿון בוידעם — צו בוידעם, אויפֿן שטח פֿון צוואַנציק יאָר.

ליפּע האָט אַ סך געוווּסט וועגן אים. האָט ער ווײַטער דערציילט:

— געוויס. ער איז געווען מאָביליזירט אין צה״ל. אַן אויסגעצייכנטער שילער אין דער מיטל־שול. דאָס אַלץ איז פֿאַרגעקומען דרך־אגבֿ. דער ווײטאָג; די פֿלאַמען פֿון ברענענדיקן געטאָ; די שיסערײַען; דאָס צעפּליקט פֿלייש אויף די געטאָ־דראָטן — דאָס אַלץ האָט ער מיטגענומען אויפֿן בוידעם אַרויף...

פּנינה׳ס בליק האָט געוואַנדערט, און זי האָט געקוקט דורך אים; געזען זײַן ערד־שטיבל אין וואַלד; דאָס שלײַכן זיך איבער געפֿרוירענע אײַזנבאַן־רעלסן, וואָס האָבן געבריט מיט קאַלטן פֿײַער, און האָבן בײַ יעדן ריר אָפּגעקלונגען, ווי אַ ווײַטער קלויסטער־גלאָק.

דעם אָפּשניט פֿון ליפּעס לעבן, האָט זי שוין געקאָנט;

מ. אייזענבוד

# ווייטער פון דאָרטן...

(פראַגמענט פון דער נאָוועלע „פנינה״)

ליפע לעבט שוין באַלד זעקס חדשים אין אולפּן. בייטאָג, פאַרטאָן אין לערנען, אין דער אַרבעט, איז זיין געדאַנק באַשעפטיקט מיט דעם ארום. פאַרגעסט ער, אַז ס׳איז געווען אַן אַנדער וועלט, און פון איר איז ער אַרויסגעקומען ווי אַ פונק, וואָס רייסט זיך אָפּ פון שייטער.

ביי טאָג, אַז ער דערזעט פנינהן, דאָס מיידל וואָס האָט קיינמאָל קיין אַנדער ערד נישט באַטראָטן, און איז אויסגעוואַקסן מיטן קיבוץ, נעמט ער מיט שנעלע טריט זיך דערנענטערן צום היינט, וואָס איז דאָ, אין קיבוץ פאַר אים אויפגעגאַנגען מיט אַ נייעם טאָג, און ער דערפילט זיך ווי דאָס הינדעלע פון אינקובאַטאָר, וואָס האָט נאָר־וואָס באַוויזן זיך אויסצופּיקן פון דעם איי, און נעמט באַוואונדערן די חידושים פון דער וועלט.

ווי אַ זאַנג, וואָס גייט אויף פון דער מוטער־ערד, און קלאַמערט זיך אין איר מיט זיין דינעם וואָרצל, ווייל דאָס מיינט פאַרן זאַנג לעבן — דער ווילן צום וואַקסן איז אויפגעגאַנגען אין ליפען אונטערן מילדן, מוטערלעכן בליק פון אַ מיידל מיט וועלכער ער האָט זיך קוים געקאָנט צונויפריידן — אַ מיידל וואָס איז היפּש עטלעכע יאָר געווען יינגער פון אים, מיט אַ מיידל וואָס הייסט פנינה.

ביינאַכט אָבער, ווען ער איז אַליין — אפילו ווען ער איז וואַך — איז ער נאָך אַלץ דאָרטן, אַ פאַרשפּאַרטער אין געטאָ, אָדער געיאָגט דורך די וועלדער. ער איז נאָך אַלץ אין אומרו פון יעדער רגע וואָס מ׳קאָן אים אומדערוואַרט אַ כאַפּ טאָן, ווי מען האָט אַ כאַפּ געטאָן איטשקען און וועלוולען — אָן צו האָבן די מעגלעכקייט פון מאַכן די פּאָר טריט צום פענצטער, אָפּרוקן דאָס ברעט און אַרויסנעמען דעם האַנט־גראַנאַט און דערפילן דעם זאָג: תמות נפשי עם פלישתים...

אפילו ווען ער זיצט אויפן אולפּן־בעטל, בלאָנדזשעט

---

באַראַק איז פאַרגעקומען. ווען ער האָט געזען די רייען אויסגעשטעלט אין באַראַק פריער זענען זיי געווען פול. איצט האָט ער געזען לעכער. גרויסע לעכער. איז געוויסע ערטער איז געווען ממש פוסט. ס׳האָט אים עפּעס אַ טרייסל געטאָן וואָס איז געווען עפּעס פון פחד און עפּעס פון מענטשלעכקייט. ביידע געפילן זענען דעם בלאָקעלססטן געווען פרעמד: „וואָס פאַר אַ ניי שפּיל איז דאָס?״ האָט ער גערעדט אַ ביסל צו זיך אַ ביסל אין דער נאַסער לופט אריין. „נאָך וואָס די קאָמעדיע פון אַן אָפּקלויב. ער האָט געקענט צונעמען דאָס גאַנצע ביסל מיסט דער בן זונה, און אָנהויבן מיט אַן אָפּגערייניקטן באַראַק״.

ער האָט געהאַלטן ביים אָפּקערן זיך ווען עפּעס האָט אים אָפּגעהאַלטן. ער האָט זיך אויסגעדרייט צום שטובן־דינסט און קורץ אַ זאָג געטאָן:

„הייס זיי צוריקגיין אויף זייערע נאַרעס. קיינער זאָל זיך נישט אַרומדרייען אין באַראַק. פאַרשטאַנען?״ און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער איז ער אַוועק אין זיין אייגן שטיבל אריין.

ווען דער גלאָק האָט זיך צעקלונגען האָבן די איבערגעבליבענע געוואַרט. שטום און שטיל, איז יעדער איינער געבליבן אריינגעטאָן אין דער שטייג פון אייגענעם פחד וואָס האָט נישט געלאָזט איינשטעלן אַ קאָנטאַקט צווישן קרבן און קרבן. עפּעס האָט געדאַרפט געשען, ווייל ס׳איז נישטאָ קיין סתם קלינגען אויפן גלאָק.

נאָר ס׳איז גאָרנישט געשען. די שטילקייט איז געהאַנגען אין באַראַק גלייך ווי פריער. אפשר איז דער רעגן געוואָרן אַ ביסל שטאַרקער — און אפשר נישט.

דאָס טויער פון באַראַק האָט זיך געעפנט. מענטשן, פרעמדע וואָס מען האָט אין באַראַק קיינמאָל פריער נישט געזען, זענען אריינגעקומען, טראָגנדיק קעסלען מיט זופּ.

די פאַרגליווערטקייט האָט אָנגעהויבן אויפצוטייען. די אויגן פון אַלע האָבן זיך געווענדעט צו די קעסלען וואָס האָבן געדעמפט מיט אַ ביסל וואַרעמקייט. איינער פון די טרעגער האָט גערעדט:

„שוין נישט לאַנג און דער לאַגער וועט ווערן אַ פענסיאָנאַט. אַט זעט, איר הינטישע נשמות ווער ס׳ברענגט אייך דאָס פרעסן גלייך צום טיש צו? די קאַפּאָס. און איר כאַלעט אויף אייערע בעטן. קומט אַראָפּ און פרעסט אייך אָן פאַר אַלע צייטן. היינט וועט יעדער פון אייך קריגן טאָפּלטע פּאָרציעס. אַ רוח אין אייער טאַטנס טאַטן אריין...״

די איינוווינער האָבן געהערט אָבער זיך נישט גערירט פון די ערטער, ביז דער באַפעל איז געקומען פון די אייגענע שטובן־דינסט מענטשן.

דאָס אויסטיילן די זופּ האָט זיך אַריינגעשניטן אין טרויער פון באַראַק. ס׳איז פאַרגעסן געוואָרן די פייכטקייט, די סעלעקציע. אַפילו דער פחד איז קלענער געוואָרן און ביים פאַרטיילן די צווייטע פּאָרציעס האָט שוין כמעט קיינער נישט געדענקט, אַז די פּאָרציעס געהערן אייגנטלעך צו די, וואָס זענען אַוועק בעת דער סעלעקציע.

בלויז דער רעגן אינדרויסן איז געבליבן וויינען אויפן גורל פון די אָפּגעקליבענע. ס׳האָט זיך אריינגעגנבעט אַ ניי ווינטעלע פון ערגעצוו וואָס האָט געשפּילט אויף די סטרונעס פון שטעכל־דראָטן. אָבער דאָס איז געווען אַ זייער שטילער און טיף טרויעריקער ניגון. דאָס איז נישט געווען קיין ניגון פאַר די לעבעדיקע. די קלאַנגען וואָס דער ווינט האָט איצט געשפּילט אויף די דראָטן זענען געווען — פונקט ווי די זופּ — אַ ניגון וואָס אַן אָפּגעקליבענער האָט איבערגעלאָזט אין לאַגער נאָכדעם, ווי ער אַליין איז געגאַנגען אין אַ לעצטן וועג, צו דערפילן דעם צוועק פאַר וועלכן דער לאַגער איז אויפגעשטעלט געוואָרן.

אַרויסגעטריבן זיי פון דער האַלב־אויסגעוואַרעמטער נאָסקייט און אַריינגעיאָגט זיי אין אַ פינצטערניש און בלאָטע פון דרויסן. דאָס איינציקע ליכט צו פאַרטרייבן דעם טריבן טרויער האָט זיך געטראָגן פון איינעם פון די קוימענס. דער רויך איז געווען אַ ביסל רויטלעך און איז געהאָנגען צווישן דעם פאַלנדיקן רעגן ווי אַ רעפלעקטאָר וואָס איז אָנגעצונדן געוואָרן פאַר אַ ספּעציעלן ענין. באַלד וועט קומען דער הויפּט־רעזשיסאָר מיט זיין סוויטע, באַלד וועט דער הילכער זיך צעשרייען מיט אָנווייזונגען, ס'וועט זיך אָנהויבן אַן אַקטיוויטעט און די פילם־אויפנעמער וועלן פאַראייביקן די סצענע אויף פילם־טאַשמעס. אויב ס'וועט נישט אַויסקומען ווי דער רעזשיסאָר האָט עס געוואָלט, וועט מען אָנהויבן פון אָנהויב אָן, און פילמירן די סצענע נאָכאַמאָל.

אָבער אָנשטאָט דעם קומען פון רעזשיסאָר, איז געקומען דער קלאַנג פון גלאָק און דאָס געשריי פון אַ באַפעלערישן אויסרוף: „באַראַקן אָפּשליסן!” די באַראַקן־איינוווינער זענען אַריינגעטריבן געוואָרן צוריק אין זייערע באַראַקן און דאָס טויער איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן.

דער בלאָק־עלטסטער האָט מסתמא נישט געוווּסט וואָס ער זאָל טאָן מיט אַזוי פיל מענטשן אין באַראַק. האָט ער געהייסן זיינע דינער זיי אויסשטעלן אין רייען. פינף אין אַ שורה. פינף אין אַ שורה. די מאָסע אין באַראַק האָט געלאָזט זיך קנעטן לויטן באַפעל און איז געבליבן שטיין אין באַראַק, אַ ביסל ביזאַר — אָבער לויטן באַפעל.

צוערשט האָט די פייכקייט גענומען איר חלק ביי די אויסגעשטעלטע רייען. דערנאָך האָט דאָס ערשטע מאָרגנליכט זיך אַריינגעקראָגן דורך די פענצטערלעך דאָרט הויך, אויבן, שוין באַלד ביים דאַך פון באַראַק. מ'האָט היינט ניט געקלונגען צו גיין ברענגען די „קאַווע”. זענען די רייען געבליבן שטיין אַזוי, אויסגעשטעלט און זענען איבערגעגעבן געוואָרן פון דער נאַכט צום גרויען טאָג. אָט אַזוי. וואַרטנדיק אויף אַלעס וואָס קען פּאַסירן און — אויף גאָרנישט.

ווען דער טאָג האָט זיך שוין געהאַט באַזעצט אין באַראַק, איז געקומען דער באַפעל אויסצוטאָן זיך נאַקעט. די שטובן־דינסט לייט האָבן זיך צעשריגן, אונטערגעיאָגט די אויסגעשטעלטע רייען און אין דער ענגשאַפט זענען די שורות געוואָרן נאַקעט. אין דער נאַקעטקייט האָט זיך אַרויסגעזען וואָס דער לאַגער האָט אָפּגעטאָן מיט זיינע איינוווינער. די קערפּערס זענען געווען גרוילעך אַשיק אין קאָליר, דאַר, מיט ביינער וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרצט מיט שאַרפע שפּיצן, וואָס אַ נאָרמאַלער קערפּער פאַרמאָגט גאָר נישט אַזעלכע.

ווידער אַמאָל איז געפאַלן דער באַפעל: „אַכטונג!” די דאַרע, נאַקעטע קערפּערס האָבן זיך אויסגעצויגן אין אַ גראָטעסק פון אַ פאַרקריפּלטער ערן־וואַך, און די אָפיצירן זענען אַריין אין באַראַק אַריין.

די וועלט האָט זיך אָפּגעשלאָסן. אין באַראַק זענען געבליבן בלויז די נאַקעטע איינוווינער און — די פאַרשטייער פון טויט. ס'האָט אויפגעהערט דער באַגריף פון צייט; פון אַקציע. אין דער פאַרגליווערטער אייביקייט איז געווען אָרט נאָר פאַר צוויי זאַכן: פאַרן טויט — צו באַפעלן און פאַר די פאַרשפאַרטע — צו טאָן לויטן באַפעל.

אין דער וועלט פון באַפעל און אויספּיר איז פאַרגעקומען אַ שפּאַלטונג. גענוי ווי די שפּאַלטונג וואָס קומט פאָר נאַטירלעך אין די קעמערלעך, פון וועלכע דער קערפּער איז צוזאַמענגעשטעלט. אַן אָפיציר איז פאַרבייגעגאַנגען די רייען, באַטראַכט די נאַקעטע גופים און געמאַכט דעם אָפּקלויב. דער אָפיציר האָט מיט זיך געטראָגן די שפּאַלטונג פון צייט. די רייען וועלכע ער איז פאַרביי האָבן ווידער אָנגעהויבן צו עקזיסטירן אין שטח פון אַ לעבעדיקער וועלט. די רייען צו וועלכע ער האָט זיך געהאַלטן ביי דערנענטערן זענען נאָך געווען אַרומגענומען מיט דער אייביקייט פון באַפעל און אויספּיר. בלויז אויף אַ מאָמענט האָט די לעבעדיקע וועלט זיך אָפּגעשטעלט, ווען דער אָפיציר האָט זיך אויסגעדרייט צו קוקן אויף צוריק. אין דאָזיקן בליק האָט די וועלט פון באַפעל און אויספּיר גובר געווען די לעבעדיקע וועלט. זי איז פאַרשטומט געוואָרן און זיך באַהאַלטן ביז דער אָפיציר האָט זיך ווידער אַמאָל אַ קער געטאָן צו זיין אַרבעט.

די צעטיילטע צוויי קעמערלעך פון אויסגעקליבענע און איבערגעבליבענע זענען געוואָרן צוויי וועלטן. די אויסגעקליבענע זענען אַרומגערינגלט געוואָרן פון שומרים וואָס האָבן זיי אַרויסגעיאָגט אין קאַלטן אינדרויסן אַריין. די איבערגעבליבענע זענען געשטאַנען פאַרשטייפט פון פּחד און קאַלטקייט און געוואַרט אויף עפּעס אַ באַפעל. ווען די אָפּגעקליבענע זענען שוין געווען אינדרויסן, האָט ער אָפיציר זיך געוואָנדן צום בלאָק־עלטסטן און גאַנץ געמיטלעך געזאָגט:

„באַפעלט זיי זיך אָנצוטאָן. די לופט איז קאַלט און שעדלעך פאַר אָפּגעשוואַכטע קערפּערס. און לאָזט זיי בלייבן אין באַראַק. זאָלן זיי רוען. ס'איז נישט קיין וועטער היינט אַרומצודרייען זיך אונטערן פרייען הימל”.

דער בלאָק־עלטסטער האָט געהערט. ער האָט צוגעשטימט צום אָפיצירס רייד. אין אָנהויב האָט ער בכלל נישט פאַרשטאַנען וואָס דער אָפיציר מיינט. אַזוי האָט מען אין לאַגער נאָך נישט געהאַנדלט. די וואָס האָבן אָנגעפילט די באַראַקן האָבן געהאַט נאָר איין אויפגאַבע: אויסצושטאַרבן. גיך צו פאַרשווינדן און לאָזן זייערע ערטער פאַר אַנדערע וואָס האָבן געדאַרפט קומען נאָך זיי אין אַן אייביקן קרייז פון קומען און פאַרשווינדן. דאָס רוען, דאָס לאָזן זיי אין די באַראַקן איז געווען עפּעס נייעס. פאַר אַ מאָמענט האָט דער בלאָק־עלטסטער געמיינט, אַז דאָס איז נאָר אַזאַ וויץ. אָבער באַלד האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אין לאַגער איז אַלץ מעגלעך, אַז אַן אָפיציר קען זיך וויצלען אויפן חשבון פון די איינוווינער אָבער נישט וויצלען זיך מיט זיי. ער האָט געהייסן דעם שטובן־דינסט געבן דעם באַפעל אָנצוטאָן זיך און איז אַליין געבליבן שטיין זיך צוצוקוקן צו דער אַקציע.

ערשט איצט איז אים קלאָר געוואָרן וואָס מיט זיין

נאָך אימיצן, נאָר ער באַהאַלט עס אויס פון מיר...״

מיטן פולן באַוווסטזיין אַז זי גייט שפּילן איר לעצטע קאָרט, האָט בלומע נאָכן עסן אַ זאָג געטאָן צו מנחמען.

— „מנחם, זײַ אַזוי גוט און דריי זיך אויס צו דער וואַנט״.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז זי געשטאַנען אָנגעטאָענע אין נײַעם קלייד, אין נײַעם הוט און אַרויספּאָדריש געמאָלדן:

— „מנחם, איך האָב עס גענוג... פון הײַנט אָן וועט ווערן אַנדערש... מיר גייען אין טעאַטער אַרײַן!״

דער לעצטער אַקט איז געווען אַ שוידערלעכער ספּעקטאַקל: איר הוט איז געלעגן צעטראָטן, דאָס קלייד צעריסן. די האָר צעשויבערט, מנחם האָט געברעוועט ווי אַ פֿאַרווונדעטע חיה:

— „דווקא הײַנט, ווען ס׳איז מײַן דבורה׳ס יאָרצײַט האָסטו געוואָלט פֿאַראומרייניקן מײַן הייליקייט!... ווי האָסטו געוואַגט דאָס צו טאָן?!״

בלומע איז אים נישט געבליבן שולדיק, דער אָנגעזאַמלטער פֿאַרדרוס אין איר האָט אַדורכגעבראָכן אַלע צוימען.

— „דו ביסט אַ ליגנער״ — האָט זי געשריגן — „דו האָסט מיך גענאַרט!... דײַן ליבע איז געווען פֿאַלש... האָסט קיינמאָל נישט דערמאָנט, אַז דו האָסט געהאַט עמעצן... איך האָב דיר פֿאַרטרויט מײַן גלויבן, מײַנע האָפֿענונגען, און דו האָסט מיט דײַן אכזריותדיקן שווײַגן אַלץ צעטראָטן... איך וויל נישט פֿאַרטרעטן קיינעמען... איך וויל לעבן אין מײַן אייגענעם זכות, נישט אין דעם טויטן עכאָ פֿון דײַן פֿאַרגאַנגענהייט..״

און מיט שטילערן טאָן צוגעגעבן:

— מנחם, ביסט פֿרײַ צו גיין ווּ דו ווילסט. מײַן טיר וועט זיך פֿאַר דיר געשלאָסן. דו אַליין האָסט זי פֿאַרשלאָסן!״...

ס׳איז אַנטשטאַנען אַ טויטע שטילקייט. בלומע איז געזעסן אַ צונויפֿגעקנאָדערטע אין אַ ווינקל און שטיל געהעשעט. מנחם איז געשטאַנען ווי צוגענאָגלט צום דיל, אויפֿגעמאַכט דאָס מויל ווי ער וואָלט וועלן רעדן, נאָר קיין קול איז נישט אַרויס פֿון אים.

... ער און דבורה שטייען אין דער רייע צו דער סעלעקציע.. דבורה וויל זיך נישט אָפּרײַסן פֿון אים.. ס׳פֿאַלט אַ שאָס. . מנחם טראָגט דבורהס טויטן קערפּער ווי אַ מאַמע טראָגט אַ געליבט קינד אַהין, ווּ מען האָט געברענט די מתים. אַ דײַטש שטויסט אים אַוועק פֿון שײַטער...

— דו פֿרעכער קערל!... אַזוי גלײַך גייט עס נישט.. אַרבעטן וועסטו ביז דו וועסט קראַפּירן!..

———————————

בלומע און יואל האָבן פֿון מנחמען מער נישט געהערט. ער איז פֿאַרשוווּנדן צוזאַמען מיטן באַשלוס, וועלכן ער האָט געטראָגן אין זיך, אַז צוליב בלומען וועט ער מער נישט אָפּהיטן זײַן כלה׳ס יאָרצײַט...

א. ציקערט

# איבערבלײַב...

## (אַ לאַגער־בילד)

שוין דרײַ טעג ווי דער לאַנגזאַמער אָבער כסדרדיקער רעגן לאָזט נישט אָפּ. שוין דרײַ טעג ווי דער פּוילישער האַרבסטיקער רעגן ליגט אויסגעשפּרייט אונטער אַ גרויען הימל און ווײַנט אַראָפּ מיט אַ שווער, אומעטיק געוויין — וואָס דרינגט אַרײַן אין דעם גאַנצן אַרום.

פֿאַר מיטאָג־צײַט האָט זיך אַהער דערטראָגן אַ פֿאַרלוירענער ווינט. ס׳איז שווער געווען פֿעסטצושטעלן פֿון וועלכער זײַט ער איז געקומען. מעגלעך, אַז ער איז געקומען פֿון אַלע זײַטן מיטאַמאָל. דער פֿאַרבלאָנדזשעטער ווינט האָט געשמיסן דעם קאַלטן רעגן און געפּרוּווט אויסזינגען זײַנע טרויער־לידער אין די דראָטן. אָפּט שפּילט דער ווינט זײַנע מעלאַנכאָלישע לידער פֿון וויי־געשריי אין די שטעכל־דראָטן, אָבער דאָס מאָל זענען די קלאַנגען דערשטיקט געוואָרן אין רעגן און — נאָכן אָפּבלאָזן אַ שעה צי צוויי אָן דערפֿאָלג, האָט דער ווינט זיך אָפּגעטאָן. אַוועק און געלאָזט די געגנט צוריק צום קאַלטן, האַרבסטיקן רעגן.

דער לאַגער־גלאָק, דאָס לאַנגע אײַזן וואָס הענגט איינמיטן ברייטן פּלאַץ, האָט זיך צעקלונגען. ס׳האָט געקענט הייסן, אַז די לאַגע־שפּערע איז אַריבער. ס׳האָט געקענט מיינען, אַז ס׳איז געקומען די צײַט צו גיין ברענגען די קעסלען מיט דער לאַגער־זופּ פֿאַרן בלאָק. דער טעמפּער קלאַנג איז געבליבן הענגען אין דער לופֿט אָן אַן עכאָ. אויסגעלאָשן. דערטרונקען אין דער פֿײַכקייט פֿון דער לופֿט. איצט ווײַנט דער רעגן זײַן לאַנג געוויין און די וואָס געפֿינען זיך אין באַראַק זענען פֿאַרשטומט מיט אַ שטיינערנער שטומקייט פֿון דערשיטערטע. ס׳וועט זיך קיינער נישט רירן פֿון אָרט ביז דער בלאָק־עלטסטער, אָדער איינער פֿון די דינסט־לײַט וועט זיך באַווײַזן און זאָגן וואָס מען דאַרף טאָן און ווער ס׳זאָל עס טאָן.

די האַנט פֿון טויט וואָס איז אין דער פֿרי אַריבער איבערן באַראַק האָט איבערגעלאָזט אַ ריח וואָס האָט זיך נאָך נישט אויסגעוועפּט. אַלע מאָל ווען דער טויט נעמט צו זײַן חלק פֿון די באַראַקן הענגט אין דער לופֿט זײַן ריח. אָבער נאָך קיינמאָל איז ער נישט געווען אַזוי שאַרף ווי הײַנט. ווײַל שטענדיק קומט דער טויט אין דער געשטאַלט פֿון דײַטש־אָפּיצירן און פֿירט אַדורך זײַן אָפּקלויב אונטערן פֿרײַען הימל. דער ריח פֿון דער שחיטה צעשווימט זיך דעמאָלט לײַכטער. ער מישט זיך אויס מיטן ריח פֿון די קוימענס וואָס שטרעקן זייערע צונגען אָפּצולעקן די לופֿט אַרום. די אײַנוווינער פֿון לאַגער קענען שוין דעם ריח וואָס הענגט שטענדיק איבערן לאַגער. ס׳איז דער ריח פֿון טויט, צו וועלכן מען איז צוגעוווינט.

הײַנט אָבער איז געווען אַנדערש, כאָטש מען האָט אויך הײַנט פֿאַרטאָג אַרויסגעטריבן די אײַנוווינער פֿון באַראַק.

שטיין אין מיטן גאַס. ער האָט אויסגעזען אויסגעמאַטערט און פאַרלוירן ווי א פאַרבלאָנדזשעט קינד.

— „מנחם, ווּ ביסטו געווען די גאַנצע צייט?...

פאַרוואָס האָסטו נישט געשריבן א וואָרט צו אונדז?...

— וואָס טוט יואל? איז ער מיט דיר?...”

— „ניין”.

מנחם האָט דערפילט אַז בלומע האָט עפּעס נישט דערזאָגט. ער האָט געקוקט אויף איר מיט זיינע טונקעלע אויגן אין וועלכע ס׳איז נישט געווען קיין פונק פון לעבן. צוויי שוואַרצע פלעקן וואָס האָבן געצויגן און געשראָקן מיט אַ קראַפט פון וועלכער עס איז איר געווען שווער זיך צו באַפרייען.

— „ווּ וווינסטו?” האָט בלומע שטאַמלענדיק געפרעגט.

— אין ערגעץ נישט... איך בין געבליבן אָן געלט”.

„ווילסט אַרויפקומען צו מיר?”.

— „ווען?”.

— אַז דו האָסט נישט ווּ צו זיין, פאַרוואָס פרעגסטו „ווען?”

ווען ער איז געווען אויפגערודערט, האָט ער מיט געשלאָסענע אויגן דערציילט, אַז ער האָט וועגן איר און יואלן א סך מאָל געטראַכט. ער האָט געמיינט אַז זיי זענען זיך צוזאַמענגעגאַנגען כדי צו שאַפן א משפחה, צו לאָזן א נאָכוווּקס נאָך זיך.

— „יואל האָט געוואָלט... איך האָב נישט געפילט אַז איך האָב אים גענוג ליב. יואל איז מער ווערט וויפיל איך האָב אים געקענט געבן, אויב דו האָסט אַ מאָל געליבט אָן קעגנזייטיקייט, וועסטו עס פאַרשטיין”.

— „איך טראַכט נישט וועגן קעגנזייטיקייט... קיין פרוי וואָלט נישט געקענט מיך ליב קריגן פריער ווי זי וואָלט מיך פאַרשטאַנען... איך בין זיך מודה, אַז עס וואָלט געווען שווער מיך צו דערקענען און פאַרשטיין... איך בין אַ פּראָדוקט פון א צייט מיט אַ געזונקענער מאָראַל. מיין נשמה האָט פאַרוווּנדעט דער טייוול אַליין. קיינער וועט נישט קענען בלייבן ביים זינען אויב ער וועט אַריינקוקן אין מיין „איך”.

אַ חדשים זעקס האָבן זיי געלעבט צוזאַמען. בלומע האָט אים דערקענט און ליב באַקומען. ער האָט געשראָקן און געצויגן צו זיך מיט זיין קראַפט. טיילמאָל האָט זי געהאַט דאָס געפיל, אַז מנחם איז ווי אַ מעכטיקער פויגל פון טרויער וואָס נעמט איר אַרום מיט זיינע אומגעהויערע גרויסע פליגל, און זי טוליעט זיך צו אים זוכנדיק שוץ; אַז זי געפינט אין אים אַן אָנשפּאַר פאַר איר אייגענעם ווייטיק. זי האָט געהאַט אַ באַגער פאַרצערט צו ווערן פון זיין טונקעלן פייער, צו ווערן אויפגעלייזט אינעם פלאַם וואָס האָט געפלייצט פון אים מיט מעכטיקן כוח. דער זעלבסט־דערהאַלטונג אינסטינקט האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז זי מוז ראַטעווען זיך און מנחמען פון אומקום, איז זי אַוועק צו א פּסיכיאַטאָר.

— „איך מוז רעדן מיטן פּאַציענט אויג אויף אויג”.

— „דאָקטאָר, ער וועט נישט קומען. ער איז נישט משוגע. ס׳איז אַן אָפּקלאַנג פון די מלחמה גרוילן”.

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איך מוז רעדן מיט אים אַליין. אפשר איז פאַראַן ביי אים אַן איבערבלייב וועגן וועלכן איר ווייסט נישט!”

— „איך ווייס אַלץ...”

דער דאָקטאָר האָט געקוקט אויף בלומען מיט אויפגעהויבענע ברעמען — „קען זי וויסן „אַלץ”?...

— איר האָט אים ליב?...”

— „יאָ”.

— „אויב אַזוי” — האָט דער דאָקטאָר אַ שמייכל געטאָן — „קענט איר אפשר אים העלפן”.

— „מיט וואָס?”.

— „איר זייט א יונגע שיינע פרוי, און אייער אינסטינקט וועט אייך שוין אונטערזאָגן דעם מעטאָד. לויט מיין דערפאַרונג קען דעפּרעסיע, טרויער געהיילט ווערן מיט אַ סך מעטאָדן. איינער פון זיי איז מיט אַ שאָק. דער אַנדערער איז מיט ליבע (וואָס איז אויך טייל־ווייז א שאָק), מיט פרייד, מיט פריילעכקייט. עס ליגט אין אייערע הענט”!

---

געשען איז עס צוויי וואָכן נאָך תשעה באב. דער ווינטער אין יענעם יאָר איז געווען אַ לייכטער. ס׳זענען געווען טעג רעגנדיקע און טעג לויטערע ווי געוויינלעך אין מעלבורן, און בלומע האָט געשפּירט, אַז עס זאַמלען זיך אין איר כוחות פריער נישט דערקענטע. איר ווילן אַרויסצוציען מנחמען פון תהום, צו פאַרשאַפן אים פרייד, האָט געהאַט פאַרשלאָסן איר זכרון וועגן זיין ווערן פאַרשווּונדן צוויי וואָכן נאָך תשעה באב, ווי אום תשעה באָב גופא. זי האָט זיך געקויפט אַ ניי קלייד, א הוט געכאַפּט אַ בליק אין שפּיגל און געווען צופרידן מיט זיך. אירע אויגן האָבן אויפגעבליצט מיט א צופלוס פון ענערגיע: „זי וועט אים בייקומען”! מיט איר וואַרעמקייט וועט זי צעשמעלצן דאָס אייז פון זיין טרויער!... היינט וועט זי אים נעמען אין טעאַטער, דווקא אויף אַ קאָמעדיע... זי וויל אים זען לאַכן מיט זיינע ווייס־בלענדיקע ציין, זיי זאָלן כאָטש אויף אַ ווילע העלער מאַכן די טיפע שוואַרצקייט פון זיינע אויגן... זי האָט געהאַט געזען אים איינמאָל לאַכן. האָט ער דעמאָלט אויסגעזען אַן אַנדערער מנחם, שיעור נישט ווי יואל מיטן פריינדלעכן אָפענעם בליק אין די העל־בלויע אויגן

ווען מנחם איז אַריינגעקומען איז ער געווען בלייכער ווי געוויינטלעך, נאָר אויף זיין פּנים איז געווען אויסגעגאָסן אַ שטילע צופרידנקייט, ווי ביי א פרומען ייִדן מוצאי יום כיפור. ער האָט אַ שמייכל געטאָן צו בלומען און זיך געזעצט צום טיש. בלומע האָט געקענט מנחמס שמייכל, אַלעמאָל ווי אומדירעקט. דאָסמאָל איז איר אויסגעקומען ווי ער וואָלט מיטן שמייכל זיך אַנטשולדיק פאַר איר. „אהא” — איז איר אַדורכגעלאָפן אַ געדאַנק — „ווייזט אויס אַז דער פּסיכיאַטאָר איז גערעכט... ס׳קען זיין אַז היינט איז אויך א יאָרצייט

— בלימעלע, איך האָב זיי געוואַשן מיט שניי, און זיי האָבן אוודאי איינגעזאַפּט אין זיך דעם בלענד פון די סיבירער ווינטערס.

— ביסט געווען פאַרשיקט? פאַרוואָס?

— ביי זיי איז פאַראַן אַ „פאַרוואָס?" זיי האָבן מיך משלח געווען ווייל איך האָב נישט געוואָלט ווערן אַ בירגער פונעם ערדישן גן־עדן אין מיינע יונגע יאָרן. איך האָב צייט צו ווערן אַן איינוווינער אין גן־עדן העליון, איבער הונדערט און צוואַנציק, אין הימל.

ביידע האָבן זיך הילכיק צעלאַכט. קוקנדיק אויף איר מיט וואַרעמקייט האָט יואל אַ טראַכט געטאָן — בלימעלע, דיין מויל מוז זיין זאַפּטיק ווי אַ צייטיקע קאַרש.. "

„איך האָב יאָ געגומען אַ רוסישן פּאַספּאָרט האָט בלומע דערציילט — און מיר איז געווען אַ סך לייכטער. איך האָב געאַרבעט אין אַ טאַשקענטער מיליטערישן זאַ־וואָד. איך האָב געניית הויזן פאַר אָפיצירן".

מנחם האָט ווייניק גערעדט און וואָס ער האָט געזאָגט האָט געהאַט וואָג. — „איר ווייסט גאָרנישט וועגן אייערע קענט איר נאָך האָפן ... מיר איז ערגער, ווייל איך ווייס יאָ.. מיין טאַטע איז דערשאָסן געוואָרן אויף מיינע אויגן .. די מאַמע און מיין שוועסטער לאהלע זענען פאַרשלעפּט געוואָרן חנוכה־צייט, אין די גרעסטע פרעסט... דאָס זענען מיינע צוויי יאָרצייט־טעג קיינמאָל נישט צו פאַרגעסן ווען כ'בין געבליבן אַליין, בין איך אַוועק אין וואַלד... מיינט נישט כדי זיך אָפּצוראַטע־ווען — איך האָב געלעכצט נאָך נקמה! דערנאָך בין איך מיט „בריחה" געקומען קיין איטאַליע, דאָס איבעריקע ווייסט איר אַליין ..

ס'האָט איינמאָל געטראָפן, אַז מנחם איז נישט אַהיים געקומען צום אָוונט־ברויט. אויף צומאָרגן פאַרנאַכט האָט ער זיך אַריינגעשלייכט ווי אַ שאָטן, אַ מידער און אַן אויסגעווייקטער פון רעגן, און אָן אַרויסצורעדן אַ וואָרט האָט ער זיך געזעצט צום טיש.

ווּ ביסטו געווען א גאַנצן מעת לעת?.. זע נאָר ווי דו זעסט אויס!... האָבן ביידע פריינד אויסגעשריגן מיט שרעק. מיר זענען געווען זייער באַאומרואיקט...

מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט מנחם אַרויסגעפּליס־טערט „אויפן בית עולם"...

— וואָס עפּעס אויפן בית עולם? האָסטו דען אײ־מיצן פון דיינע אויפן היגן בית עלמין?"...

— „ניין". מנחם האָט געעפנט די אויגן און אַ פינצ־טערניש האָט פון זיי אַ שפּאַר געטאָן מיט אַן אומהיימלעכער קראַפט. מיינע האָבן דאָך נישט קיין מצבות, אַפילו נישט קיין סימן קבר... איך האָב קדיש געזאָגט נאָך מיין טאַטן ביי אַן קבר פון אַן אומבאַקאַנטן... נעכטן איז גע־ווען תשעה באב, זיין יאָרצייט..." „און ווּ ביסטו גע־שלאָפן?"

— „דאָרט"...

בלומע האָט אויפגעשוידערט. אַ קעלט איז איר אַדורך דורכן רוקנביין. מיין ווייטיק האָט זי אַ טראַכט גע־טאָן — איז ווי אַ טליענדיקער פונק אין אַש אין פאַר־גלייך מיט מנחמס מעכטיקן, פאַרצערנדיקן טרויער פלאַם".

צוויי וואָכן שפּעטער איז מנחם ווידער פאַרשוווּנדן אויף אַ גאַנצן מעת לעת. ווען ער איז אַריינגעקומען איז געווען שפּעט אין אָוונט. יואל איז געווען ביי זיך אין צימער. בלומע האָט שווייגנדיק געקוקט אויף מנחמען, און זי האָט געזען, אַז ער האָט אויסגעמיטן איר בליק. זי האָט מורא געהאַט צו פרעגן:

„מנחם, פאַרוואָס ביסטו ווידער אנטרונען?... ביסט ווידער געווען אויפן בית עולם?... איז היינט ווידער אַ יאָרצייט?.. נאָך וועמען?..

---

די וועגן פון די דריי פריינד זענען זיך פאַנאַנדער־געגאַנגען. בלומע האָט באַקומען אַרבעט און האָט פאַר־לאָזט דעם צענטער. יואל האָט אויך געאַרבעט און האָט געוווינט ביי אַן עלטער פּאָרפאָלק. מנחם איז אַוועק און נישט געלאָזן הערן פון זיך.

בלומע און יואל פלעגן זיך טרעפן און אָפטמאָל רעדן וועגן מנחמען. ביידע האָבן זיך געפילט שולדיק לגבי אים. אפשר האָבן זיי באַדאַרפט אַרויסווייזן מער פאַרשטענדעניש, אפשר אַרומנעמען אים מיט וואַרעמ־קייט כדי אַדורכצוברעכן דעם פאַנצער פון זיין טרויער.

— בלימעלע, געדענקסט זיין אויפפירן זיך אויף דער שיף?...

— ער האָט מיט זיין שווייגן אָנגעוואָרפן א פחד... טיילמאָל האָב איך פשוט מורא געהאַט צו זאָגן אים „גוט מאָרגן". זיינע אויגן זענען אַלעמאָל געווען פינצ־טער, שטום ווי אַ פאַרגעסענער קבר..."

— „ביסט גערעכט, מנחם איז אַן אומגליקלעכער מענטש".

אינגאַנצן אומגעריכט פאַר בלומען, האָט יואל איינמאָל גענומען איר האַנט אין זיינער און אַרויסגע־שעפּטשעט: „בלימעלע, לאָמיר חתונה האָבן... איך האָב דיך ליב בלימעלע..."

זי האָט געלאָזן איר האַנט אין זיינער. עס איז איר געווען אָנגענעם צו פילן די וואַרעמקייט פון זיין באַ־ריר, וואָס איז געפלאָסן מיט אַ שטילן ריטעם פון זיינע הענט און פון זיינע ערלעכע אָפענע אויגן.

„פאַרוואָס ענטפערסטו נישט, בלימעלע, האָסט מיך נישט ליב?"

— „ניין, ס'איז נישט אַזוי" ..

„דו טראַכסט וועגן מנחמען?"

— „יאָ".

— „האָסט אים ליב?"

— „איך ווייס נישט..."

יואל האָט זיך צוריקגעצויגן.

„ער וועט איר געבן מער צייט".

אַ צייט שפּעטער האָט בלומע געטראָפן מנחמען

דער נישט יידישקייט. און די אויפגאַבע אונדזערע איז — אין צוגעבן, נישט אין אַראָפּנעמען.

צוויי הונדערט יאָר פון טעכנישן פּראָגרעס און גוואַלדיקע שינויים אין לעבן פון מענטשן; צוויי הונדערט יאָר פון יידישן געזעלשאַפטלעכן געדאַנק און פון צופּאַסן זיך צו לעבן אין צוויי קולטורן — צוויי הונדערט יאָר פון אונדזער גייסטער געשיכטע קען מען נישט אָפּמעקן, אָפּוואַשן אָדער פאַרגעסן. קיין צוריק איז פאַר קיין פאָלק נישטאָ, און פאַר אונדז, א פאָלק שבפעלקער, איז עס אויך נישט בנמצא. לעבן אין דער צעשפּרייטונג און גלייכצייטיק נאָר אין דער יידישער קולטור — קען זיין אַ בנין אין דמיון, אָבער טאָר נישט זיין קיין יסוד פאַר פּאַקטישער דערציאונג. מיט מוסר, מיט בייזערן זיך, מיט אַ חקירה בעלמא א דערציאונג־סיסטעם פאַר אונדזער פאָלק. דאַכט זיך אַז דאָס מעג זיין קלאָר. פונדעסטוועגן הערן מיר כסדר שטימען פון אַזעלכע יידישע דערציערס וואָס טוען פאַרגעסן די אַלע זאַכן.

זאָל מען אויפהערן לאַכן פון דער טאָפּלקייט פון „ייד” און „מענטש”. אַזאַ צווייאיקייט איז אומפאַרמיידלעך. הלוואי זאָל מען קענען בלייבן א ייד „אין דער היים”, אַפילו כאָטש אַ האַלבער ייד אין דער היים! הלוואי זאָל מען פון דער אַרומיקער וועלט אָננעמען נאָר דאָס גוטע און דאָס שיינע און קענען פאַרוואַרפן דאָס מיאוסע און דאָס שלעכטע, אָבער אָפּלייקענען אַז דאָרטן איז פאַראַן גוטס און שיינס איז הן דאָן־קיכאָטעריי, ווייל דאָס לאָזט זיך נישט, הן פּרימיטיווע בלינדקייט, ווייל דאָס הייסט פשוט נישט זען וואָס עס טוט זיך אין די געצעלטן פון „יפת”. אגב גייט דאָך נישט מער אין אַריינברענגען די „שיינקייטן פון יפת” אין די „געצעלטן פון שם”, ווי דאָס איז געווען אויף דעם מליצה־לשון פון דער השכלה, גאָר אין אַריינגעמען אין נשמה־געצעלט די שיינקייטן אי פון יפת אי פון שם.

קיין יידישער איזאָלאַציאָניזם איז נישט מעגלעך. מיר האָבן נישט קיין אַנדער ברירה חוץ צוויי־קולטורישקייט. און אויב עס איז בעל־כרחך אתה חי אין צוויי קולטורן, לאָמיר עס אָננעמען אויך טעאָרעטיש. לאָמיר עס באַזיניקן, לאָמיר עס פון אינעווייניק באַלויכטן, לאָמיר דערזען אין דעם שווערן עול אויך א ליכט. לאָמיר אויפשטעלן די שיטה אַז דורך אונדזער אומפאַרמיידלעכער צוויי־קולטורישקייט שטייגן מיר, זענען מיר מסוגל צו שטייגן אויף העכערע שטאַפּלען פון מענטשלעכקייט. לאָמיר אויפשטעלן אויפן יסוד פון אַ הכרח, פון א מוז, אַ ניימאָדישן אמת־בחרתנו: דו האָסט אונדז אויסדערווילט צו געהערן גלייכצייטיק צו צוויי קולטורן.

איי, דאָס איז שווער און ווייטאָגדיק, און קרבנות אויפן מזבח פון אַסימילאַציע זענען דאָ אפשר אומפאַרמיידלעך? ווער האָט מיט אונדז אָפּגעמאַכט אַז דאָס לעבן ווי יידן צווישן ניט יידן זאָל זיין לייכט און אָן „גייסטיקער שפּאַנונג?” איי, עס זענען פאַראַן, עס וועלן זיין פאַלן פון נשמהדיקער צעשפּאָלטנקייט, פון ריסן און ווידעראַנאַנדן און פון קרענקלעכקייט? איז עס דער נשמהדיקער שטייער וואָס דאָס יידישע פאָלק צאָלט פאַרן לעבן צווישן פעלקער. ס'איז כדאיער צו צאָלן אַזאַ גייסטיקן קיום־שטייער איידער ווערן „גאַנצע” נישט־יידן. דער ציל פאַר אונדזער דערציאונג וועט באַשטיין אין פאַרמילדערן אָט די אינעווייניקסטע קאָנפליקטן, אין העלפן געפינען אַ צווישן־קולטורישע האַרמאָניע אין דער נשמה פון דעם יידישן יחיד. די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון יידישער דערציאונג דאַרף זיין אין געפינען א בריק איבער דער צווייקייט פון קולטורן, פון צוויי באַזונדערע מעלאָדיעס שאַפן איין ניגון וואָס זאָל זיך זינגען אין אינגעווייד פון דער נשמה.

נישט שטענדיק וועט זיך עס לאָזן דערגרייכן. קאָנפליקטן, דורכפאַלן וועלן אודאי זיין, פונקט ווי זיי זענען ביז איצט געווען. אָבער איז דען פאַר אונדז פאַראַן אַ וועג אָן שטרויכל־שטיינער, איז דען פאַראַן גלאַטער וועג צו זיך?

בפרט ווען מיר דאַרפן זיך זען נישט אין טאָל פון דער מענטשלעכער קולטור, נאָר אויף איינעם פון די באַרג־שפּיצן.

י. מ. לעווין

# צוליבֿ אַ יאָרצייט...

(דערציילונג)

דריי יונגע מענטשן בלומע, יואל און מנחם זענען געקומען פון איטאַליע מיט דער זעלבער שיף, און זיי האָבן געוווינט זעקס חדשים אין דעם זעלבן פּליטים־צענטער. מיט איר איינגעבוירענעם חוש פאַר שיינקייט האָט בלומע פאַרוואַנדלט איר צימער אין אַ היימישער נעסט. זי האָט אויך גענומען אויף זיך דעם עול צו זיין די פאַרזאָרגערין פאַר אירע צוויי שיפס־ברידער. די דריי יונגע מענטשן האָבן זיך באַנומען ווי שוועסטער און ברידער. אין דער אמתן זענען זיי געווען דער איבערבלייב פון דריי פאַרצווייגטע משפחות נאָכן בלוטיקן שניט. פאַרבונדן האָט זיי די איינזאַמקייט.

זייערע געשפּרעכן פלעגן זיך ציען ביז שפּעט אין דער נאַכט; צו דערציילן האָבן זיי געהאַט מער ווי גענוג . . .

יואל איז געלאָפן מיט זיין יונגער פרוי פון וואַרשע, און זיי זענען אויף די בהלה־וועגן אָפּגעטיילט געוואָרן איינער פון אַנדערן און מער זיך נישט אָפּגעפונען. יואל, וואָס איז געווען בטבע א לעבנסלוסטיקער מענטש, פלעגט מיטאַמאָל בלייבן זיצן פאַרשטומט, און זיינע העל־בלויע אויגן האָבן זיך פאַרצויגן מיט שאָטנס פון דערמאָנונגען.

בלומע האָט אַמאָל געפרעגט אין שפּאַס: יואל, מיט וואָס וואַשסטו דיינע אויגן מיט מליך צי מיט בלויער פאַרב?

יודל מאַרק

# די אומאויסמיידלעכקייט פון צוויי קולטורן

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער שפּראַך און קולטור דיסקוסיע, וואָס האָט זיך לעצטנס אַנטוויקלט אויף די שפּאַלטן פון די „מעלבורנער בלעטער", ברענגען מיר אַן אויסצוג פון אַן אַרטיקל וועגן דערציאונג אין צוויי קולטורן. יודל מאַרק איז געווען אַ באַקאַנטער פּעדאַגאָג און שרייבער און דער אויסצוג איז אויך צוגעפּאַסט פאַר אונדזערע באַדינגונגען.

רעדאַקציע

אונדז ייִדן, אין די גלות־לענדער וואָס שטייען אויף אַ הויכער מדרגה פון קולטור, איז באַשערט צו לעבן אין צוויי קולטורן:אין דער קולטור פון לאַנד און אין דער אייגענער — אָדער אין איין קולטור, דאָס הייסט אין דער נישט אייגענער. מיר שטייען נישט פאַרן אויסקלייב: אָדער איין ייִדישע קולטור אָדער צוויי קולטורן, די אייגענע די געשיכטלעכע און די פרעמדע, אַזוי צו זאָגן די געאָגראַפישע. דער אַרום, די סביבה, דאָס לעבן איז אַזוי שטאַרק אַז מיר זענען פּטור פון אויסקלייבן, עס איז שוין אויסגעקליבן געוואָרן במשך פון די לעצטע פאָר דורות און גיין צוריק קענען מיר נאָר אין חלום, אָבער נישט אויף דער וואָר. אַן דער קולטור פון דעם אַרום זענען מיר נישט בכוח אויסצוקומען אין אַלע ענגליש־רעדנדיקע לענדער, און אפנים אַז דער זעלביקער מצב איז שוין פאַראַן אָדער וועט בקרוב קומען אין די שפּאַניש־רעדנדיקע לענדער (איך רעד דאָ וועגן דעם קאָנטינענט, בכן דערמאָן איך די קולטורן אויף די בײדע לשונות). ווייל מען אויפהיטן ייִדישע קולטור, ייִדישע שעפערישקייט אויך — איז נישטאָ קיין אַנדערע ברירה חוץ צוויי קולטורישקייט וואָס מען דאַרף זיך אָננעמען מיט מוט און... לית־ברירה. אַזוי נעמט מען אָן אַלע תורות, זינט סיני — כפה הר כגיגית. און סאַראַ פּראַקטיקער הר כגיגית עס איז דער שפּרודלדיקער, דער לעבנס־לוסטיקער, דער יצרהה אָנגעפּראָפּטער, דער אומאויסמיידלער אַרום. זיך צו ראַטעווען פון אומקום און פון פולער אַסימילאַציע איז נייטיק נישט אָפּצוקערן זיך פון דער וועלט אַרום אונדז נאָר זי אַריינגעמען אין זיך, זי אָננעמען אַפילו כדי ראוי צו זיין זי כאָטש טיילווייז איבערצומאַכן, זי כאָטש טיילווייז צו צופּאַסן צו אונדזער גוסט.

ביי אונדז זענען פאַראַן גענוג האַרציקע ייִדן וואָס ווילן אַנטלויפן פון דעם אַרום און פון זיין קולטור. אָבער ווי און וווּהין? סיידן עולה זיין קיין ישראל. אָבער דאָס קען זיין זייער אַ גוטער ענטפער פאַר אַ טייל ייִדן אויף דעם קאָנטינענט, אָבער אַן ענטפער פאַר דער צונופט אויף דעם קאָנטינענט איז עס דאָך נישט. דאָס הייסט דאָך לאָזן אויף הפקר די אַלע וואָס קענען נישט אָדער ווילן נישט אַרויס פון דאַנען. שלילות הגלות איז דאָך איצט אוודאי קיין קונץ נישט. די אויפגאַבע באַשטייט אין געפינען נישט חיוב הגלות, נאָר דעם חוב פון די גלות־ייִדן צו בלייבן לעבן ווי ייִדן. איז ווי אַזוי?

ווי אַזוי קען מען פאַרשטעלן די אויגן מיט ברעטלעך און פאַרטשאָפּן אַלע חושים וואָס דורך זיי שפּאַרט צו אונדז מיט ווילדן כוח די קולטור פון אַרום? סיידן זיך אָפּשליסן מיטן אייגענעם ווילן אין אַ געטאָ וואָס זאָל זיין מיט אַ מויער־וואַנט פאַרשטעלט פון דער אַרומיקער וועלט. אָבער עס איז נישטאָ אַזאַ אינעווייניקסטער ייִדישער כוח וואָס זאָל עס קענען דערגרייכן. מיטן אייגענעם ווילן וועלן ייִדן שוין קיין מאָל אין קיין געטאָס נישט אַריין. אַפילו אונדזערע אָרטאָדאָקסן זענען דאָך שוין פּשרה־מאַכערס מיט דער אַרומיקער וועלט. אַפילו צווישן זיי זענען די פּאה־און קאַפּאָטע־ייִדן נישט מער ווי „מלאכים" (געווען אַזאַ גרופּע פּאה־געטרייע ייִדן אין ניו־יאָרק וואָס מען האָט זיי טאַקע אַזוי גערופן); די געוויינטלעכע ייִדן, אויך זיי זענען נישט צו דערקענען לויט דער הלבשה, לויטן הילוך. און זאָל אָט דאָס דרויסנדיקע נישט זיין גרינג אין אייערע אויגן. דערמאָנט זיך די טראַגעדיעס נישט מער ווי מיט אַ דור פריער צוליב אָנטאָן זיך „דייטש" אָדער אָפּשערן די פּאה.

צו ייִדישער אָפּגעזונדערטקייט פון פאַר דער השכלה קען מען זיך נישט צוריקקערן. זאָל מען זי זידלען אָדער ניט, זאָל מען בייז זיין אויף איר און דערזען אין אַלע סכנות שבעולם — קיין צוריק איז נישט פאַראַן. און אויך די זידלערס און די איבערשאַצערס און די וואָס חלומען וועגן נייע ווענט זענען נישט אין שטאַנד זיך צוריקצוקערן צו דער גייסטיקער איזאָלירטקייט. עס איז נישט אַן ענין פאַר דעם ווילן אָדער פאַר טעאָריעס. ייִדן קענען אין דער תקופה פון מאַשין נישט לעבן איזאָלירטערהייט. און ווייל ייִדן פילן עס אַזוי שטאַרק, וועט סיידן היטלער אָדער — די שעה זאָל נישט געשען — אַן אַנדער רשע מרושע קענען צוריקטרייבן ייִדן אין אַ געטאָ. און אויב נישט געטאָ, הייסט עס במילא לעבן אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס מיט דער קולטור פון אַרום. גייט עס הייסט עס אין צוגעבן אייגנס צו דער פרעמדער (אָדער האַלב־פרעמדער) קולטור, אָבער נישט אין אַראָפּנעמען זי פון אונדזער חשבון.

עס איז בטלנישע פּראָיעקטן־מאַכעריי אַז ייִדן זאָלן דאָ אויף דעם קאָנטינענט זיך אָפּזונדערן אין ספּעציעלע אָדער כאָטש אין באַזונדערע פאָרשטעט, כדי זיי זאָלן דאָרטן קענען לעבן אין איין עכטער ייִדישער קולטור. וועט מען אויך דעם ראַדיאָ נישט טאָרן אָנשטעלן? און אויך טעלעוויזיע נישט קענען ניצן? און אויך דאָ שמעקט דורך און דורך מיט דער קולטור פון דעם לאַנד. מיט זיך טראָגט מען מיט די באַצילן פון דער פרעמדקייט,

געהאַט דעם איינדרוק, אַז יעדע געשעעניש אינעם ייִדישן און אין דעם אַלגעמיינעם פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעך לעבן האָט ער אויפגענומען מיט אייפער און ברען, ער פלעגט אין געציילטע ווערטער שטענדיק אונטערשטרייכן, אַז ער גלייבט און האָפט אויף בעסערע צייטן פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, מיט דעם ייִדישן פאָלק בתוכם.

אויף אַ פאַרלעזונג פון דעם באַקאַנטן ראַדיקאַלן פּוילישן זשורנאַליסט דלוגאָשעווסקי אין 1926 טרעפט מען שוין בעריש פראמערן אין דער געזעלשאַפט פון די זאַגלעמביער קאָמוניסטישע גדולים. ער נעמט אַ שטאַרקן אָנטייל אין דער הייסער דיסקוסיע, וועגן די רעזולטאַטן פון דער דעמאָלטיקער מאַי־איבערקערעניש, וואָס פּילסודסקי — מיט דער אונטערשטיצונג פון אַלע פּראָגרעסיווע, סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע טוער האָט דורכגעפירט.

פון מיינע חברים אין סאָסנאָווצע, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מיין שול־חבר בעריש פראמער איז אַוועק קיין סאָוויעט־רוסלאַנד און דאָרטן באַקומען דעם אַקאַדעמישן טיטל „וויסנשאַפט קאַנדידאַט פאַר אויסערלעכן האַנדל”. די חברים האָבן מיר אויך צוגעשיקט געוויסע אַרטיקלען פון בעריש פראמער, געדרוקטע אין דער רוסיש־סאָוויעטישער און ייִדיש־סאָוויעטישער פּרעסע, וועלכע זענען געשטאַנען אויף גאָר אַ הויכער שרייבערישער און וויסנשאַפטלעכער — אַקאַדעמישער מדרגה.

ענדע 1933 האָב איך באַקומען פון מיין חבר שימעלע אַניסמאַן (אַ באַקאַנטער ייִדישער קאָמוניסט אויף דעם זאַגלעמביער באַדן) אַ בריוו מיט דער ביטע, אַז איך זאָל אים העלפן זיך טרעפן מיט בעריש פראמערן, וועלכער פאָרט אַדורך ביאַליסטאָק מיט דעם אינטערנאַציאָנאַלן צוג בערלין־מאָסקווע. מיין חבר אַניסמאַן האָט געוווּסט, אַז איך פאַרנעם געוויסע געזעלשאַפטלעכע און פּראָפעסיאָנעלע־פּאַריין פּאָזיציעס אין ייִדישן און אַלגעמיינעם לעבן אין גראָדנע און מיט מיין אַנוועזנהייט אויפן ביאַליסטאָקער וואָקזאַל, וועל איך זיין — אין אַ געוויסער מאָס — אַ שוץ קעגן פּאָליצייאישע רעפּרעסיעס לגבי אים.

דער צוזאַמענטרעף איז פאָרגעקומען און אין משך פון דער צייט, וואָס די באַן האָט זיך אויפגעהאַלטן אויף דעם ביאַליסטאָקער וואָקזאַל, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז בעריש פראמער איז געווען דער האַנדלס־אַטאַשע ביי דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע אין בערלין. צוליב דעם וואָס היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, ווערן די סאָוויעטישע פאָרשטייער פון ייִדישער אָפּשטאַמונג איבערגעשיקט אויף אַנדערע פּאָזיציעס אין אַנדערע לענדער. ער האָט אונדז אויך איבערגעגעבן, אַז ער פאָרט איצטער קיין מאָסקווע און פון דאָרטן וועט ער איבערגעשיקט ווערן קיין שוועדן, אויפן אַמט פון 1־טן סעקרעטאַר פון דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע אין שטאָקהאָלם. סיי אויף מיר און סיי אויף מיין חבר שימעלע אַניסמאַן האָט דאָס געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק און מיר האָבן געפילט אַ שטאָלצקייט מיט דער גרויסער פּאָליטישער קאַריערע, פון אונדזער אַמאָליקן חבר בעריש פראמער.

אין יאָר 1941 ערב דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה, האָב איך על פי צופאַל זיך געטראָפן מיט אַ געוועזענעם גראָדנער ייִדישן קאָמוניסט, וועלכער איז געווען אַ געוויסע צייט דער נאַכט־רעדאַקטאָר פון מאָסקווער „עמעס”. דער דאָזיקער „געוועזענער” אוסיי קאַשעווניק, וועלכער איז צוריק געקומען קיין גראָדנע דורך פאַרשיידענע ניסים, האָט ביי זיין שוואָגער דעם בונדיסט ד״ר א. ליפּניק, דערציילט מיט טרערן אין די אויגן וועגן די פאַרפייניקטע און ליקווידירטע ייִדישע קאָמוניסטן, וואָס האָבן פאַרנומען הויכע פּאָזיציעס אין לאַנד און אין אויסלאַנד. ער האָט אויסגערעכנט אַסך ייִדישע קאָמוניסטישע טוער פון פּוילן, וועלכע די סטאַליניסטישע מאָרד מאַשין האָט פאַרניכטעט. צווישן די נעמען האָט ער דערמאָנט צוויי נעמען, וועלכע זענען מיר געווען זייער גוט באַקאַנט און נאָענט. דאָס איז געווען: דער געוועזענער לערער מיינער זלמן מערקין — דער גרויסער ייִדישער שרייבער מיט דעם ליטעראַרישן פּסעוודאָנים מ אַ ק ס ע ר י ק; און דער צווייטער — ב ע ר י ש פ ר אָ מ ע ר — ביידע געבוירענע און דערצויגענע אין מיין אַמאָליקע געבוירן און היים שטאָט — ס אָ ס נ אָ ו צ ע.

## אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון „קדימה“

זונטיק, דעם 21טן מערץ ה. י. איז פאָרגעקומען די יערלעכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג. נאָך אַ לענגערע דיסקוסיע האָט מען אויסגעוויילט אַ קאָמיטעט אין וועלכן ס׳זענען אריין פאָלגנדע פריינד (לויטן א״ב):

מ. אייזענבוד; אַ. אַפּעלאָוויטש: ה. באַכראַך; ר. בוטלינסקי; מ. בורשטין; ר. בלושטיין; ח. בראַון; ל. גאָטליב; א. דאַפנער; ב. ווייסמאַן; י. ווינקלער; ב. ווינער; מ. טאָפּיאָל; וו. יאַבלאָנסקי; ר. לעוויטאַ; ה. נוסבוים; מ. ראַבינאָוויטש; ה. ראָזענבאַום; ח. שולקלאָפּער; ח. שטייער; י. שער.

מיטוואָך, דעם 31טן מערץ איז פאָרגעקומען די קאָנסטיטואירונג פון עקזעקוטיוו. פאָרזיצער — יאַשאַ שער; וויצע־פאָרזיצערס — א. אַפּעלאָוויטש און וו. יאַבלאָנסקי; ערן־קאַסירער: י. ווינקלער; געהילף־קאַסיר: הדסה ראָזענבוים; ערן־סעקרעטאַר: מ. אייזענבוד; קולטור־קאָמיסיע: ה. באַכראַך; רעדאַקציע — מ. אייזענבוד; ביבליאָטעק: ראָזע בלושטיין;ווירטשאַפט: רחל לעוויטאַ; רעווידיר־קאָמיסיע: ה. באַכראַך; דעלעגאַטן צום באָארד אָף דעפּיוטיס: סענדער בורשטין, פ. רינגעלבלום, מ. ראַבינאָוויטש.

צום שאַך־קלוב: מ. טאָפּיאָל; „הזמיר”־כאָר: מ. ראַבינאָוויטש; טעאַטער־קרייז: רחל לעוויטאַ.

„שלום”־קלוב פון די רוסישע ייִדן: יאַשאַ שער און מ. אייזענבוד.

יוגנט: אַלעקס דאַפנער.

(דער זיך־אָרט פון יודן־ראַט אין סאָסנאָווצער געטאָ) און מיט מיין פייערדיקן טעמפּעראַמענט אָנגעהויבן צו דונערן אין אַ פּערפעקטן דייטש אויף די יודנראַט פאַרשטייער און אויף אַלע נאַציס מיט היטלערן בראש. שרייענדיק און איבערחזרנדיק עטלעכע מאָל די ווער־טער: „איר אַלע און היטלער מיט זיין נאַצי־באַנדע ווירד קאַפּוט גיין". עס האָט נישט געהאָלפן קיין בעטן פון די דורכגייענדיקע יידן און אויך נישט פון א טייל פון די באַאַמטע אין דער צענטראַלע, אַז ער זאָל אויפ־הערן צו שרייען בכדי אויסצומיידן דעם זיכערן טויט פאַר אַזעלכע ווערטער. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן ביז די יידישע פּאָליציי איז געקומען און אים צוגע־נומען, פאַרשפּאַרט אים אין דעם תפיסה־קעלער פון סאָסנאָווצער יודן־ראַט. ער איז דאָרטן דערשאָסן געוואָרן דורך די נאַצישע מערדער.

## דער הויכער בער

וואָלט דער הויכער בער זיך נישט געווען פאַרנומען מיט טראָגן צוויי גרויסע וויין־בוטלעס מיט פריש קאַלט וואַסער אין די הייסע זומער־חדשים, בכדי צו געבן אַ קאַלטן טרונק די יידישע בחורים לערנערס אין די בתי־מדרשים און חסידים שטיבלעך פון סאָסנאָוו־צע; וואָלט דער הויכער בער אין די ווינטער־חדשים נישט אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון סאָסנאָווצע און צוגעדעקט מיט וואַרעמע דעקעס די צעפּאַרעטע פערד פון די יידישע בעלי־עגלות און יידישע דראָזש־קאַזשעס, וואָלט מען באַשטימט געמיינט, אַז דער דאָ־זיקער הויכער געשטאַלטיקער ייד, איז איינער פון די שענסטע נגידישע בעלי־בתים אין סאָסנאָווצע.

דער הויכער בער (אַזוי האָבן אים די יידישע סאָס־נאָווצער איינוווינער גערופן, הגם זיין פאַמיליע נאָמען איז געווען שוואַרצבוים) איז געווען אַ הויכער ייד מיט אַ שיינער פיגור אַזוי ווי אַ סאָסנע־בוים. ווען ער האָט גע־טראָפן אין א שבתדיקן הייסן זומער־טאָג א יידיש יינגל גייענדיק מיטן סידורל אין האַנט צו פּרק, האָט ער אים פאַרהאַלטן און אים געפרעגט צו ער וויל אַ טרונק וואַ־סער. זיינע אויגן האָבן געלויכטן פון דעם שמאָלן פּנים אַרויס, בשעת ער האָט עמיצן געגעבן אַ גלאָז וואַסער און פון נחת פלעגט ער א זיפץ טאָן.

דער הויכער בער איז געווען אַ פּשוטער און ער־לעכער ייד. זיין תמימותדיקייט און געלאַסנקייט איז געווען באמת צו באַוווּנדערן, געווען איז ער אויך אַ גרויסער אָפּלאַכער — אין אַ גוטמוטיקן טאָן — פון די אַלע ניי אויפגעקומענע עם־האַרצישע רייכע און מכלומרשטע פרומע חסידישע יידן. פאַר דער מאַטער־יאַליסטישער סביבה אין דעם יידישן סאָסנאָווצע, וואָס האָט זיך זייער שנעל אַנטוויקלט און זיך אויך אין אַ שנעלן טעמפּאָ באַרייכערט, איז די מיסטישע גע־שטאַלט פון דעם „הויכן בער" געווען עפּעס אַזעלכעס, וואָס ש. אַנסקי האָט אַרויסגעבראַכט אין זיין באַרימ־טער דראַמע „דער דיבוק", דאָס וואָס מיר האָבן אָנגערופן „דער זוכער פון אַ תיקון".

אַ גאַנצן דור (ווי ווייט מיין זכרון דערמאָנט מיר) האָט דער הויכער בער מיט באַשיידנקייט און איבער־געגעבנקייט געדינט מיט דעם „תיקון" פון געבן אַ דאָרשטיקן יידישן לערנער אַ פרישן קאַלטן טרונק וואַסער און — אַ וואַרעמען צודעק די שטומע פערד פון די יידישע דראָזשקאַזשעס און פון יידישע בעלי־עגלות.

אַסך צענדליקער יאָרן זענען שוין פאַרביי, אָבער אייביק וועל איך געדענקען דעם הויכן בער בשעת ער איז געזעסן אין דעם סאָסנאָווצער בית־המדרש מיט די צוויי פינקלדיקע גלעזערנע, גרויסע בוטלעס מיט פריש וואַסער אין זיינע הענט, בשעת אַ שיעור פון דעם פרי־פאַרשטאָרבענעם למדן און ראש־הישיבה שלמה שטענצל. טיף און שטאַרק האָבן זיך די ביידע געשטאַלטן — סיי פון מיין ראש־הישיבה, שלמה שטענצל מיט דעם אליוו־געשניצטן פּנים און מיט זיינע גרויסע פייערדיקע אויגן און סיי דאָס גוטמוטיקע פּנים פון דעם הויכן און שיינעם יידן „דער הויכער בער" — זיך איינגעקריצט אין מיין זיכרון.

כדאי אויך צו דערמאָנען, אַז דעם הויכן בערס זון א. שוואַרצבוים, וועלכער האָט זיך געפונען אין דער צייט פון יידישן חורבן אין דער שווייץ, האָט זיך באַ־מיט נאָכצוטאָן זיין פאָטערס מעשים אין אַן אַנדער פאָרם. ער האָט געטאָן זייער א סך בכדי צו ראַטעווען פון זאַגלעמביע־סאָסנאָווצע און בענדין יידישע יחידים און אויך יידישע משפחות דורך פאַרשיידענע לעגאַלע און אומלעגאַלע וועגן.

## בעריש פּראַמער („קאַשטשושקאַ")

צווישן די פאַרשיידענע יידישע און נישט־יידישע קאָמוניסטישע גדולים, וואָס דאָס „רויטע" זאַגלעמביע האָט אַרויסגעגעבן, איז כדאי צו דערמאָנען, דעם גע־וועזענעם באַשיידענעם יונגערמאַן בעריש פּראַמער, וועלכע איז אין די 30־ער יאָרן עולה לגדולה געוואָרן ביי דער סאָוויעטן מאַכט און זיי האָבן אים אַוועקגעשטעלט אויף גאָר אַנגעזעענע דיפּלאָמאַטישע פּאָזיציעס.

די יידישע יוגנט, וועלכע איז געווען פּאָליטיש און געזעלשאַפטלעך טעטיק, האָט געקענט דעם יונגנמאַן בעריש פּראַמער אַלס איינעם פון דער יידישער „גאָל־דענער" יוגנט. קיינער פון זיינע באַקאַנטע און חברים האָבן זיך נישט געריכט, אַז בעריש פּראַמער אָדער ווי מיר האָבן אים גערופן „קאַשטשושקאָ" (דאָס פּנים זיינס, און ספּעציעל די נאָז זיינע, איז געווען שטאַרק ענלעך צו דעם באַקאַנטן פּוילישן נאַציאָנאַלן העלד קאַשטשושקאָ), וועט אַ מאָל ווערן א געזעלשאַפטלעכער אָדער פּאָליטישער טוער. ווען ער פלעגט זיך יאָ אַמאָל באַטייליקן אין אַ פּאָליטישע אָדער געזעלשאַפטלעכע דיסקוסיע, האָט מען געקענט פילן אין זיינע אַרויס־טרעטונגען, אַ געוויסע אַנגעגליטקייט. מען האָט אויך

י. אַרבאַך

# טיפֿן און געשטאַלטן

## נאָסטאַלגישע זכרונות פֿון דעם וואָס איז מער נישטאָ...

אין יאָר 1982, ווערט 100 יאָר זינט מיין געבוירן שטאָט ס אָ ס נ אָ וו צ ע איז ניצול געוואָרן פֿון אַ גירוש באַשטימט דורך דער רעאַקציאָנערער צאַרישער רעגירונג מיט דעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם דריטן. אין יאָר 1882, איז סאָסנאָווצע פֿאַרוואַנדלט געוואָרן פֿון אַ דאָרף מיט דעם יידישן סאָלטיס אברהם בלומענטאַל און אַ באַפעלקערונג פֿון 130 יידישע נפֿשות־צו אַ גרויסן יידישן ישוב וואָס האָט געציילט אין יאָר 1939 אַן ערך פֿון 25 טויזנט יידישע איינוווינער.

אין יאָר 1982 איז סאָסנאָווצע כמעט י י ד ן ־ ר יי ן און די טיפֿן און געשטאַלטן, פֿון דער אַמאָליקער עיר ואם ביידיש פוילן,זענען — עטלעכע בלימעלעך אויף די נישט פֿאַראַנענע קברים פֿון די צענדליקער טויזנטער יידישע נפֿשות, וועלכע זענען אַזוי טראַגיש פֿאַרשניטן געוואָרן דורך די נאַצישע בעסטיאַלישע מערדער מיט דער מיטהילף פֿון די „ליאַכישע" גזלנים, די 1000 יאָריקע שכנים פֿון אַמאָליקן מלכות פּוילן־ליטא.

### מרדכי סגי־נהור

ווי פֿון נעפּל שווימען אַרויף אין מיין זכרון טיפֿן און געשטאַלטן, וועלכע האָבן עפּעס צוגעגעבן צו דעם קאָלאָריט פֿון דער רוישיקער אינדוסטריעלער שטאָט סאָסנאָווצע

איבער אונדזער משפּחה, תּושבים אין זאַגלעמביע זינט הונדערטער יאָרן, האָט געפּלאַטערט דער יחוס פֿון רבנים און לומדים. און אַזוי ווי אין אַסך אַזעלכע יחוס־דיקע רבנישע משפּחות איבער מלכות פּוילן וליטא זענען געווען זעלטענע טיפֿן אַזוי זענען אויך אין אונדזער משפּחה געווען פֿאַרשיידענע טיפֿן, איינער פֿון די אינטערעסאַנטסטע צווישן זיי איז געווען מ ר ד כ י ס ג י נ ה ו ר.

אַ רויט־האָריקער מיט אַ פֿלאַמיקער רויטער באָרד, אַ שאַרף גלאַט פּנים מיט שטרענגע ברעמען און אויגן אויסגעלאָשענע. ווי אַזוי ער איז בלינד געוואָרן, האָט מען נישט געטאָרט רעדן און אויך נישט דערמאָנען, עפּעס אַ מיסטעריעזע פֿאַרגאַנגענהייט איז געהאַנגען איבער דער גאַנצער געשטאַלט זיינער, אָבער געהאַלטן האָט מען אים אין די לומדישע קרייזן און אין די וועלטלעכע קרייזן — פֿאַר אַ באַוווסטזיניקן איבערצייגטן מאַרקסיסט און סאָציאַליסט. ער האָט זיך איינגעשטעלט איבער יעדע עוולה, וואָס מען איז באַגאַנגען לגבי דעם יידישן אָרעמען טייל פֿון אונדזער שטאָט און אויך פּראָטעסטירט קעגן פֿאַרשיידענע געזעלשאַפֿטלעכע און קהלישע שלעכטע מעשים.

געלעבט האָט ער איינזאַם אין אַ קעלער־שטוב און ער איז קוים, קוים דורכגעקומען מיט זיין אויסהאַלט־שטיצע דורך די משפּחה־מיטגלידער און סתּם גוטע יוגנט־פֿריינד. ער האָט בשום אופֿן נישט געוואָלט נעמען קיין שטיצע, נישט פֿון דער יידישע גמינע און נישט פֿון דער אַלגעמיינער שטאָט־פֿאַרוואַלטונג.

זיין בונטאַרישקייט שטאַמט נאָך פֿון זיינע קינדער־יאָרן. ווי ער האָט אונדז — אין דעם קעלער שטיבל — אַליין דערציילט. זיין טאַטע — דער פֿאַנאַטיש רעליגיעזער ייד, פֿלעגט אים שלאָגן מכּות־רצח, ווען ער האָט אים געכאַפּט לייענדיק די פֿאַרשיידענע „טרפֿה־פּסולס", די דעמאָלטדיקע זייער פֿאַרשפּרייטע השׂכּלה און סאָציאַליסטישע ליטעראַטור. נישט קענענדיק מער איבערטראָגן דעם פֿאָטערס קלעפּ און דאָס איזדיעקעווען זיך איבער אים האָט ער פֿאַרלאָזן זיין היים און זיך אַוועקגעלאָזן קיין בערלין.

אין בערלין האָט ער זיך געוואָלט לערנען און נישט האָבנדיק די געהעריקע געלט־מיטלען, איז ער אַריינגעטריבן געוואָרן אין דחקות און נויט. און איינזאַמער און עלנטער האָט ער אָנגעהויבן צו באַזוכן די פֿאַרשיידענע „יידישע מיסיאָנערן" אַנשטאַלטן ווו דער איינזאַמער יידישער יונגערמאַן איז געוואָרן מיט דער צייט איינער פֿון די גרויסע שישקעס ביי די יידישע „נשמה־כאַפּער" און „אויסלייזער".

די קראַנקהייט פֿון פֿאַרלירן די ראיה האָט אים דערפֿירט, אַז די „נשמה־כאַפּעריי" אידיי איז אים דערעסן און פֿאַרמיאוסט געוואָרן און ביים אויסברוך פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער פֿון בערלין דעפּאָרטירט געוואָרן צוריק אין זיין ווין־שטאָט סאָסנאָווצע.

ס'וועלן קיינמאָל נישט אָפּגעמעקט ווערן פֿון מיין האַרצן און זכרון די שעהן, וואָס איך און מיינע שול און יוגנט חברים האָבן צוזאַמען פֿאַרבראַכט אין דעם דאָזיקן קעלער־שטיבל, אויסהערנדיק די אָפּהאַנדלונגען, קאָמענטאַרן איבער אַלע וועלט־ און יידישע פּראָבלעמען, וואָס דער דאָזיקער מיסטעריעזער סגי־נהור האָט אין אַ פּרעכטיקער פֿאָרם איבערגעגעבן. סיי איך און סיי מ״ינע באַוווסטזיניקע חברים האָבן פֿון דעם אַסך געוואָסן און אויך טיילמאָל געפֿונען אין דעם דאָזיקן ציכטיק־ריינעם קעלער־שטיבל אַ וואַרעמע און גייסטיקע טרייסט.

זיין טויט אין סאָסנאָווצער געטאָ איז געווען אין הסכּם מיט זיין לעבנס־לאַנגן רעוואָלטירנדיקן וועג און אויך מיט זיין נישט וועלן שטיל־שוויגן אויף יעטוועדע באַגאַנגענע מענטשלעכע און יידישע עוולה.

ווי עס האָבן מיר דערציילט עדי־ראיה פֿון סאָסנאָווצער געטאָ האָט מרדכי סגי־נהור זיך איינמאָל אַוועקגעשטעלט אין מיטן הויף פֿון דער צענטראַלע

ער דעם גוי ענטפערן וועט ער. דער ייד מער נישט עקזיסטירן. דער ייד האָט געפילט די קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן כלל.

ווי אָרעם און אונטערדריקט דער ייד איז געווען אין גאַס האָט ער אַלע מאָל, אין אַלע אומשטענדן געהאַט זיין אייגענע וועלט, ווו ער איז געווען דער מלך. דער ייד האָט זיך אויסגעלעבט מיט זיין גייסט הינטער פאַרמאַכטע טירן. די גרויסע גויאישע וועלט איז אים ניט אָנגעגאַנגען, דערפאַר איז יעדער מיטל צו בלייבן לעבן געווען גבורה. ווען מ׳האָט געדאַרפט חנפנען, האָט דער ייד דאָס געמוזט טאָן, ווייל אין אַזעלכע פאַלן ווו ס׳האָט זיך געפאָדערט חניפה, איז דאָס געווען דאָס געווער אין יידנס האַנט, ווי דער שווערד אין דעם גוי׳ס האַנט. געלט האָט געקאָנט העלפן — האָט דער ייד געצאָלט, ווייל דאָס איז געווען אַ טייל פון זיין פאַרטיידיקונג. צו יעדער סיטואַציע האָט דער ייד צוגעפאַסט זיין געווער.

מיט אַ צייט צוריק האָב איך צופעליק געזען אויף דער טעלעוויזיע אַ פילם. דאָרטן האָט מען געוויזן א טורמע פאַר פרויען. דאָס לעבן אין טורמע האָט מיר אַ ביסל דערמאָנט מיין צייט אין לאַגער פון שטוטהאָף, וועלכער איז געווען פיל ערגער ווי די פרויען־טורמע. דאָ איז יעדע אַרעסטירטע געשלאָפן אין איר בעט מיט זויבער בעטגעוואַנט; זיי האָבן געמעגט טראָגן זייערע לאַנגע האָר און זיך געקעמט ווי זיי האָבן געוואָלט. דאָס זענען געווען אַרעסטאַנטקעס, וועלכע זענען באַגאַנגען פאַרברעכנס. האָט זיך געמאַכט, אַז איינע פון די מיידלעך האָט געבוירן אין טורמע אַ קינד. מ׳האָט פון איר דאָס קינד צוגענומען, ווייל דאָס מיידל האָט נישט געהאַט קיין היים, אַפילו ווען זי וועט אַרויס פריי. דאָס מיידל האָט געטרויערט נאָך איר קינד. און דאָס איז געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך. מ׳האָט דאָס קינד אָפּגעגעבן צו אַדאָפּטירן. מ׳האָט דאָס חלילה ניט אומגעבראַכט... דאָס מיידל האָט זיך דאַן איינגעשאַפּט אַ פאַרוואָרלאָזט קעצל, און דאָס אויסבאַהאַלטן אין אַ קעסטעלע אונטערן בעט. האַלטן אַ קעצל אין אַ טורמע איז קעגן געזעץ. האָט מען דאָס קעצל פון דעם מיידל צוגענומען. דאָס מיידל האָט געקראָגן אַ שטראָף, מ׳האָט איר אַריינגעפירט אין אָפּיס פון טורמע און איר אָפּגעשוירן די האָר.

ביי דער סצענע בין איך געווען זייער נייגעריק און געשפּאַנט צו זען, ווי אַזוי דאָס מיידל וועט רעאַגירן: זי האָט זיך געוואָרפן און געשליידערט, זי האָט זיך געשלאָגן, אַז מ׳האָט איר געדאַרפט צובינדן די הענט, און פאַרשטאָפּן דאָס מויל זי זאָל אַזוי ניט שרייען...

כ׳האָב פאַרמאַכט מיינע אויגן, און ס׳איז אַרויסגעשווומען פאַר מיר דאָס בילד, ווי אַזוי מ׳האָט אונדז געריסן די האָר פון קאָפּ, אין דעם לאַגער פון קייזערוואַלד, הינטער ריגע... כ׳האָב אונדז פאַרגליכן צו דעם מיידל — מיר האָבן זיך גאָרניט פאַרזינדיקט, און מ׳האָט אונדז געהאַלטן ערגער ווי די גרעסטע פאַרברעכער; מיר זענען געווען פאַרמשפט׳ע אָן אַ טערמין, הילפלאָז און פאַרלאָרן, פאַרגעסן פון דער גאַנצער וועלט. פאַרמשפט צום טויט. ווי אַזוי האָבן מיר, יידישע טעכטער רעאַגירט? שטיל און שטום האָבן מיר געהאַלטן אונדזערע יונגע קעפּ אַרונטערגעלאָזן, און אויפגענומען אַלע דערנידערונגען מיט שטילן שווייגן. מיר האָבן זיך אין דעם מאָמענט געשטעלט גייסטיק העכער פון אונדזערע פייניקער. דער שכל האָט יעדן פון אונדז אונטערגעזאָגט: בויגט אייערע קעפּ פאַר דעם שטורעם, וועלכער וועט ניט, און קען ניט דויערן אייביק. איין פאַלשער אַרויסטריט, איין פּיצעלע ווידערשטאַנד און מ׳וואָלט אונדז אַלעמען אויסגעשאָסן. אָט דאָס איז געווען גבורה.

אונדזער „שווערד" איז פאַרלויפיק געווען געדולד!

מיר האָבן דאָס געזען. ביי די אומדערטרעגלעכע באַדינגונגען, האָט זיך קיינער חלילה ניט אַוועקגעהרגעט, און אַפילו קיין אָפענער יאוש האָט זיך צווישן אונדז ניט באַוויזן. ס׳איז געווען מערקווירדיק ווי מיר האָבן זיך אַרויסגעהויבן מיט אונדזער גייסט העכער פון אַלע אַנדערע פעלקער, וועלכע זענען אויך געווען פאַרשקלאַפט, ניט אַזוי שווער, ווי מיר, פאַרשטייט זיך.

וואָס האָט זיך געטאָן אין די פוילישע רוסישע און אַנדערע לאַגערן? זיי האָבן זיך געשלאָגן, גע׳הרג׳ט איינע די אַנדערע און זיך אַליין; זיי זענען גייסטיק געווען אַזוי געפאַלן, אַז זיי האָבן זיך פשוט פאַרוואַנדלט אין חיות. אין דער צייט ווען זיי האָבן געהאַט גרויסע שאַנסן באַפרייט צו ווערן, אין דער צייט ווען אונדזער האָפענונג אויף באַפרייאונג איז געווען ניט ממשות׳דיק, אומגלויבלעך און פוסטע פאַנטאַזיע, ווי אַ מיראַזש אין מדבר.

מיר האָבן גאָרניט געפילט בעת־מעשה, אַז די אויפפירונג אונדזערע איז ביי אונדז געווען אין בלוט און אין דער נשמה, אַריינגעוואַקסענע ירושה פון דורות, וועלכע האָט אונדז געפירט דורך אונדזער ביטערן דערנער־וועג.

כ׳דערמאָן זיך אַ קליינעם עפּיזאָד אין פּאַריז נאָך דער באַפרייאונג. אין אַ שיינעם פרילינגס־טאָג בין איך אַוועק צו דעם מוזעאום ווו עס ליגט נאַפּאָלעאָן דער ערשטער. כ׳האָב זיך נישט אָנגעשלאָסן אָן קיין גרופּע, צוליב צוויי סיבות: ערשטנס, ווייל כ׳האָב נאָך ניט פאַרשטאַנען קיין פראַנצויזיש, און צווייטנס, איז דאָס געווען די צייט, ווען כ׳האָב געוואָלט זיין אַליין, נאָכן פינצטערן הו־האַ פון די לאַגערן.

ביי מיין ברודער אין ביבליאָטעק האָב איך געפונען אַן אַלבום מיט מלחמה־בילדער. צווישן די בילדער איז געווען איינס, וואָס האָט פאַרגעשטעלט, ווי היטלער י״ש שטייט ביי דער טרומנע פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן, נאָכדעם ווי זיינע האָרדעס האָבן פאַרנומען פאַריז. אויף דעם זעלבן אָרט האָב איך זיך געשטעלט אין דער זעלבער פּאָזע ווי דער ימח שמו׳ניק איז געשטאַנען און האָב שטיל געלאַכט...

כ׳האָב זיך עס פאַרגעשטעלט ווי דער סימבאָל פון אונדזער צוריק אויפגעלעבט און אויפגעוואַכט פאָלק. דאָס קליין פאַרהאַסט פאָלק איז אויפגעשטאַנען תחית המתים!

וואָס איז געוואָרן פון דיין שטאַרקער פיזישער גבורה?!...

---

מאַסע בלאָטע האָט איבערגעדרייט די טראַמווײַ־וואַגאָנעס און באַגראָבן אונטער זיי אַרבעטער און פּאַסאַזשירן.

ס'איז געווען אַ מערץ־פרימאָרגן, דער הימל איז געווען ריין, אָבער די ערד האָט געהאַט עפּעס אַ גרויע קאָליר. קיינער האָט נישט באַמערקט ווי די ערד ווערט געשוואָלן ווי זי וואָלט אויפגעגאַנגען אויף הייוון. ווען מ'האָט עס דערזען, איז שוין געווען צו שפּעט. די ערד, אָן אָנגעפילטע מיט די צעגאַנגענע שנייען און מיט די צעפוילטע גופים פון די יידן וואָס זענען דאָ דערמאָרדעט געוואָרן, האָט געהאַלטן אין איין שטראָמען. דאָס איז ענלעך געווען צו אַ שטראָם לאַווע, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון אַ ווולקאַן. די כוואַליע ליים און בלאָטע איז געפלאָסן אויפן וועג פון די אויטאָבוסן, האָט פאַרפליצט און דערשטיקט יעדן איינעם וואָס האָט זיך געפונען אין די דאָזיקע וואָגנס.

ביינאַכט האָט מען געבראַכט מיליטער. די זעלנערס האָבן אויפגעהאָנגען וואָרענונגס־שילדן און אָפּגעגרענעצט דעם פאַרגאָסענעם שטח. אונטער דער ליכט פון שטאַרקע פּראָזשעקטאָרן האָט מען אָנגעהויבן אַרויסציען קערפּערס. פּלוצעם איז אָנגעקומען אַ צווייטע כוואַליע בלאָטע און האָט פאַרדעקט די זעלנערס און אַלע די וואָס האָבן זיך געפונען אויפן אָרט. שווער אָפּצושאַצן וויפל מענטשן עס זענען דורך דער דאָזיקער כוואַליע אומגעקומען — 500 און אפשר 1000!

דאָס אַלץ איז געשען אין דער אונטערשטער שטאָט, אין דער געגנט פון פּאָדאָל און באַבי־יאַר. אין דער צייט איז דאָס לעבן אין דער אייבערשטער שטאָט אָנגעגאַנגען אָן שום שטערונגען: דער זעלבער געוויינלעכער מאַנגל אין קינאָ־בילעטן, די זעלבע „אָטשערעדן“ פאַר די קראָמען, פּונקט ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשען.

אָן ערד אַ וואָך שפּעטער האָט זיך די ערד איינגעשטילט. דערנאָך איז אַלץ פאַריכט געוואָרן; מ'האָט אויסגעגראָבן די גרודעס ליים, מ'האָט אַרויסגענומען די טויטע קערפּערס און מ'האָט זיי קובר געווען. ס'איז אויך איבערגעגעבן געוואָרן אָן אָפיציעלע מעלדונג אַז ס'איז געשען אַן אומגליק אויף אַ באַגרענעצטן שטח און אַז ס'זענען אומגעקומען צוואַנציק אָדער פיר און צוואַנציק מענטשן.

אינעם פול אָנגעפּראָפּטן טראַמווײַ וועלכער איז דורכגעפאָרן דורך דער קאַרינאָווסקי גאַס, אויפן אָרט, ווו דאָס אומגליק איז געשען, האָבן די פּאַסאַזשירן געשוויגן: פון איין זייט די אָפיציעלע מעלדונג, פון דער אַנדערער זייט דאָס וואָס איז זיי באַקאַנט. אָבער בעסער נישט צו רעדן. פּלוצעם דערהערט זיך אַ שרעקלעך געשריי. אַן אַלטע פרוי קוויטשעט: „דאָס אַלץ האָבן געמאַכט די יידן, זיי זענען זיך נוקם אין אונדז. די וועלן זיך נאָך ווייטער נוקם זיין אין אונדז!“.

דער טראַמווײַ איז געפאָרן ווייטער. ער איז אַדורך פאַר די חורבות פון דער גאַזסטאַנציע, דורכן פּאַרק;

לאה זילבער

# גבורה

ס'זענען פאַראַן צוויי גרונט־גבורות, דאָס זענען: פיזישע שטאַרקייט, און גייסטיקע מעכטיקייט. אַ פאָלק אָדער אַ מענטש וואָס איז גייסטיק אויף אַ נידעריקער מדרגה זוכט עס אַרויסצושטעלן זיין פיזישע שטאַרקייט. דאָס פאָלק וועלכער פאַרמאָגט ניט קיין שטאַרקע קולאַקעס, לייגט מערער אַכט אויף זיין גייסטיקן כח.

גייסטיקע גבורה ווערט אויספאָרמירט דורך טויזנטער יאָרן ליידן און לעבנס־דערפאַרונג. די געצוימטע גבורה ווערט בויגעוודיק ווי אַ שלאַנג; געהאָרכזאַם ווי אַ קינד, אונטערטעניק ווי אַ שקלאַף און געדולדיק — ווי די אייביקייט... דאָס ווערט מיט דער צייט אויסגעהאַמערט אין אַ געווער, וועלכע בייט זיין אויסזען צוגעפּאַסט צו צייט, סיטואַציע און צום שונא, קעגן וועלכן מען דאַרף עס באַנוצן.

ניט אַלע מאָל לאָזט זיך אָנווענדן דאָס זעלבע געווער און די זעלבע מעטאָדן.

וועל איך ברענגען ביישפּילן, וועלכע וועלן אילוסטרירן דעם באַגריף: אין צייט פון קריג צווישן פעלקער, ווען בידע פיינטלעכע אַרמייען געפינען זיך אין קריגס־צושטאַנד, און זיי זענען ווייט איינע פון די אַנדערע, באַנוצן זיי זיך מיט האַרמאַטן, ס'הייסט ווייטשיסנדיק געווער. ווען די פראָנטן דערנענטערן זיך, באַנוצט מען זיך מיט ביקסן, און ווען מ'גייט אַרויס אין אַן אַטאַקע, באַנוצט מען זיך מיט קורצע שווערדן...

אַזוי האָבן זיך פעלקער געשלאָגן און באַצווונגען איינע די אַנדערע אין משך פון טויזנטער יאָרן, די באַזיגטע זענען געוואָרן שקלאַפן, און די זיגער — הערשער. דער גורל פון שקלאַפן איז געווען פאַרשיידן: די גרעסטע צאָל איז אויסגעשטאָרבן פון די ביטערע באַדינגונגען, די לעבנגעבליבענע האָבן זיך אויסגעמישט מיטן שונא.

מיר יידן, האָבן אין משך פון הונדערטער יאָרן אַנטוויקלט אין זיך אָריגינעלע גבורה, וועלכע איז ממש צו באַוווּנדערן, מיר האָבן איינגעזאַפּט אין זיך אַלע ליידן פון דער וועלט, און אַ דאַנק דעם האָט זיך ביי אונדז אַנטוויקלט עפּעס אַזוינס, וואָס די גרויסע וועלט ארום אונדז האָט נישט פאַרשטאַנען; ניט באַנומען; און באַנעמט ניט. אַ גוי האָט געשלאָגן און באַליידיקט אַ יידן, האָט דער ייד אויפגענומען די קלעפּ און אַרונטערגעשלונגען די באַליידיקונג, גאָר אָפּט ניט געענטפערט. דער גוי האָט דאָס באַטראַכט ווי פּחדנות און שוואַכקייט. אַ ייד, אָבער האָט געוווּסט וואָס ער טוט. ער האָט געוווּסט, אַז טאָמער וועט

אַלע האָבן געשוויגן און אין זייערע אויערן האָבן נאָך אַלץ אָפּגעהילכט די געשרייען פון דער זקנה: דאָס איז די נקמה פון די יידן וואָס זענען דערמאָרדעט געוואָרן אין באַבי־יאַר און מיר זענען געבליבן גלייכגילטיק!

פון דער סאָוויעטישער פאַרטיזאַנקע. אין דער אומלעגאַלער פרעסע פון די אָקופּירטע לענדער איז געמאָלדן געוואָרן, אַז די סאָוויעטישע אַוויאַציע האָט באָמבאַרדירט דעם לאַגער טרעבלינקע און סאָוויעטישע פאַרטיזאַנער האָבן געהאָלפן באַפרייען די אויפשטענדלער.

דעם יידישן אויפשטאַנד אין טרעבלינקע שרייבן די סאָוויעטן זיך צו, אַז דאָס איז געווען זייער פאַרדינסט.

ווי באַוווסט האָבן יידישע שניידער און שוסטער צוגעגרייט דעם אויפשטאַנד אין סאָביבאָר דעם 14־טן אָקטאָבער 1943. אין דער זעלבער צייט זענען באַשטעלט געוואָרן עס.עס.־אָפיצירן זיי זאָלן קומען אין די לאַגערוואַרשטאַטן אָנצומעסטן די קליידער און די שטיוול. אַלע עס.עס.־לייט זענען געוואָרן אויסגעמאָרדעט. דאָס געווער צוגענומען, אַריינגעריסן זיך אין וואָפן־קאַמער און באַוואָפנט די יידישע אויפשטענדלער. דער איבערפאַל אויף די עס.עס.־לייט איז אַדורכגעפירט געוואָרן מיט דער גרעסטער פרעציזקייט. די אויפשטענדלער האָבן אויפגעבראָכן דעם טויער און אויסגעשאָסן די סאָלדאַטן אויף וואַך־טורעמס און זענען אַנטלאָפן אין די אַרומיקע וועלדער. אַ געוויסע צאָל אויפשטענדלער זענען פאַרבליבן אין לאַגער און געפירט דעם קאַמף קעגן די אָנגעקומענע פאַרשטאַרקונגען. ביז שפעט אין דער נאַכט האָט מען געהערט דאָס שיסן אין לאַגער. די, וועלכע האָבן נישט באַוויזן צו אַנטלויפן זענען געפאַלן אין קאַמף מיט די נאַציס, געפאַלן מיט אַ העלדישן טויט.

אין פאַרניכטונגס־לאַגער סאָביבאָר זענען אומגעקומען עטלעכע הונדערט טויזנט יידישע מענטשן דורך די נאַציס. פאַר זיי האָבן נקמה גענומען געוואַגטע יידישע קעמפער אונטער דער אָנפירונג פון א יידישן אָפיציר פון דער סאָוויעטישער אַרמיי.

מיט יאָרן שפעטער האָט אין „סאָוויעטיש היימלאַנד" זיך באַוויזן א מאמר וועגן סאָביבאָר. דאָרט איז אָנגעגעבן, אַז דעם אויפשטאַנד האָבן דורכגעפירט סאָוויעטישע מענטשן, מיט קיין איין וואָרט איז נישט דערמאָנט געוואָרן, אַז דאָס זענען געווען פוילישע יידן. ס'איז מער ווי פאַרדריסלעך, אַז 37 יאָר נאָך דער מלחמה איז נישט ווי געהעריק אַרויסגעבראַכט געוואָרן דורך היסטאָריקער און שרייבער דער גאַנצער אמת וועגן יידישן העראָיזם. איין טייל „היסטאָריקער" לייקענען אָפּ די גאַנצע יידישע טראַגעדיע — דערקלערנדיק, אַז דאָס האָבן אויסגעטראַכט יידן. אַ צווייטע גרופּע היסטאָריקער שרייבן, אַז די אַמעריקאַנער און ענגלענדער האָבן נישט געגעבן קיין הילף די יידן אין די געטאָס און לאַגערן. זיי האָבן נישט באָמבאַרדירט די וועגן וועלכע האָבן געפירט צו די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס. דאָס אַלץ איז ריכטיק, אָבער פאַרוואָס דערמאָנען נישט די גילבערסט און לאַקערטס מיט קיין איין וואָרט די סאָוויעטן, וועלכע האָבן אין אָנהויב 1943 געגעבן אַ טויט־קלאַפּ די דייטשע דיוויזיעס ביי סטאַלינגראַד און געיאָגט זיי ביז ווייסרוסלאַנד. פאַר די סאָוויעטן איז פיל גרינגער געווען צו באַזאָרגן מיט געווער יידישע אָפּטיילונגען אין די וועלדער, געטאָס און לאַגערן.

דער ווײ־געשריי פון יידישע קאָמוניסטן, אַז די סאָוויעטן און זייערע פאַרטיזאַנער אָפּטיילונגען. די קאָמוניסטישע „גוואַרדיאַ לודאָוואַ" זאָלן העלפן מיט געווער יידישע גרופּן אין ווייסרוסלאַנד, מזרח־פוילן — איז געוואָרן מיט פאַרשידענע אויסריידן אָפּגעוואָרפן.

דאָס בלייבן שטיין פון די סאָוויעטן ביי דער ווייסל לאַנגע פינף חדשים האָט געקאָסט דאָס לעבן פון יידן אין דער צייט פון פוילישן אויפשטאַנד אין אויגוסט 1944. דאָרטן זענען אומגעקומען אַלע יידן וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אויף דער אַרישער זייט. אין דער זעלבער צייט איז אין לאַגער אוישוויץ נאָך געווען עטלעכע טויזנט יידן, וועלכע זענען געווען די אָרגאַניזאַטאָרן פון אַן אויפשטאַנד אין לאַגער. צוזאַמען מיט זיי האָבן געזאָלט אָנטיילנעמען אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, ווי אויך מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס אויסערן לאַגער. דעם סיגנאַל צום אויפשטאַנד האָט געזאָלט זיין דאָס אויפרייסן די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס. ווען די יידישע אויפשטענדלעך האָבן אויפגעריסן די קרעמאַטאָריעס און צוגעטראָטן צום ליקווידירן די עס.עס.־מאַנשאַפט, האָבן אַנדערע גרופּירונגען צוזאַמען מיט די מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס רעזיגנירט פון דער אַקציע. אין דער זעלבער צייט האָט אויך די סאָוויעטישע אַרמיי זיך אָפּגעהאַלטן פון אָנגרייפן די נאַציס. די יידישע קעמפער אין אוישוויץ האָבן געקעמפט ביזן לעצטן מענטש, און אין די קאַמפן האָבן אויך אָנטיילגענומען יידישע פרויען.

כבוד דייער אָנדענק.

ליזאַ לוריאַ־קליעבאַנאָוו

# די נקמה פון באַבי־יאַר

געשען איז עס אין פרילינג 1961. 20 יאָר נאָך דער שחיטה איבער די קיעווער יידן אין באַבי־יאַר, אַזוי ווי עמעץ וואָלט געקומען באַשטראָפן די איינוווינער פאַר זייער גלייכגילט אין יענע טעג.

עס איז געווען אַ העלער און וואַרעמער פרילינגטאָג. די שנייען זענען געווען צעגאַנגען. ס'האָט שוין אָנגעהויבן דאָס בליען און דאָס וואַקסן. אַ דאַמבע, וואָס איז מיט יאָרן צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן אויף דער גרענעץ פון דער ציגל־פאַבריק, ביי באַבי־יאַר האָט זיך איינגעבראָכן. ס'האָט גענומען אויפגיין אַ כוואַליע ליים און בלאָטע געמישט מיט רעשטלעך פון מענטשלעכע סקעלעטן. די כוואַליע האָט זיך צעשפרייט איבער די דערבייאיקע גאַסן. אָפּגעווישט אויף איינער פון זיי די גאַזסטאַנציע. ס'איז פאָרגעקומען א שטאַרקער אויפרייס און עס איז אויסגעבראָכן א שריפה, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג ביז זי איז אויסגעלאָשן געוואָרן דורך אַ כוואַליע פונעם פליסנדיקן ליים. בליץ שנעל איז די כוואַליע דערגאַנגען צום גאָרטן פון דער טראַמווײ־סטאַנציע און האָט אים אין גאַנצן פאַרדעקט. די

וו. יאַבלאָנסקי

# געטאָ־קעמפער פאַראיינזאַמט אין קאַמף קעגן נאַציזם

די יידישע קעמפער אין די געטאָס און לאַגערן זענען געווען איזאָלירט פון דער אויסערלעכער וועלט — וועלכע האָט פאַרמאָגט פיל אָרגאַניזאַציעס באַוואָפנטע מיט געווער, ראַדיאָ־סטאַציעס און געלט־מיטלען. קיין איינע פון די פוילישע אַנטי־נאַצי אָרגאַניזאַציעס האָבן נישט געוואָלט העלפן די יידישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געהאַט די געוואַגטקייט אויפצוהויבן די פאָן פון קאַמף. די פוילישע אונטערערדישע רעגירונג, די „דעלעגאַטור״ איז אין פרינציפּ געווען קעגן אַ יידישן אויפשטאַנד. אירע מיליטערישע איינהייטן האָבן געוואַרט אויפן מאָמענט ווען די נאַציס וועלן זיך צוריקציען, דעמאָלט וועלן זיי איבערנעמען די מאַכט. דאָס איז געווען די שטעלונג פון די נאַציאָנאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אויפגעשטעלט דורך דער עמיגראַנטישער פוילישע רעגירונג אין לאָנדאָן. די פּראָמאָסקווער אָרגאַניזאַציעס, די פּ.פּ.ר. (פוילישע אַרבעטערפּאַרטיי) האָט געהאַט אַנדערע צילן—פאַרניכטן די דייטשע קריגס־מאַשין און באַזעצן אייראָפּעאישע לענדער. צווייטער סעקרעטאַר פון דער פּ.פּ.ר. איז געווען דער ייד פּאַוועל פינדער. צו אים האָבן זיך געוואָנדן די פירער פון אַנטי־פאַשיסטישן פראָנט אין געטאָ — וועגן געווער פאַר די יידישע קעמפער. פינדער, וועלכער האָט זיך באַצויגן מיט סימפּאַטיע צום פּלאַן וועגן אויפשטאַנד אין געטאָ, האָט געענטפערט, אַז ער מוז זיך פאַרשטענדיקן מיט מאָסקווע. נאָך עטלעכע טעג איז געקומען פון מאָסקווע אַן ענטפער — אַז זיי זענען קעגן דעם מען זאָל צושטעלן געווער פאַר די נאַציאָנאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אין געטאָ. נישט געקוקט אויף די אַלע אָפּזאָגן זענען די פירער געווען דעצידירט אין געהעריקן מאָמענט אָנצוגרייפן די נאַציס. דעם 19־טן אַפּריל 1943 אין דער פרי זענען געפאַלן די ערשטע דייטשן. אין די ערשטע דריי טעג האָבן די דייטשן געליטן שווערע מפּלות. דער פוילישער אונטערגרונט האָט זיך צוגעקוקט פּאַסיוו צום העראָיזם פון די יידישע קעמפער. די פוילישע באַפעלקערונג איז נישט נאָר געווען פּאַסיוו — זיי האָבן געלאַכט און געשפּאָט פון די יידישע העלדן. דאָס באַרימטע וואָרט „יידן פּרעגלען זיך״ איז געווען די סענסאַציע פון טאָג. אין דער אונטערערדישער פוילישער פּרעסע האָט זיך באַוויזן אַ געדיכט וועגן „יידן וועלכע פּרעגלען זיך״. דער אויטאָר פון דעם ליד האָט געטאַדלט די פּאָלאַקן פאַר זייער אַנטי־הומאַניסטישער שטעלונג — ער האָט פאָרויסגעזאָגט, אַז דאָס זעלבע קאָן געשען מיט זיי. דאָס ליד איז נישט געווען אונטערגעשריבן. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס ליד האָט אָנגעשריבן טשעסלאַוו מילאָש, דער שפּעטערדיקער נאָבעל־פּרייז־טרעגער.

גענעראַל פאָן־סטראָפּ, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן דורך הימלערן שנעל צו ליקווידירן דעם אויפשטאַנד אין געטאָ — איז געווען איבערצייגט, אַז די פוילישע מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס וועלן קומען צו הילף דעם קעמפנדן געטאָ. אויפן דריטן טאָג פון די קאַמפן, ווען ס׳איז נישט געקומען קיין הילף פון די פּאָלאַקן פאַר קעמפנדן געטאָ איז דער גענעראַל צוגעטראָן מיט דער גאַנצער קראַפט צו ליקווידירן דעם אויפשטאַנד.

ס׳איז נישט צום פאַרשטיין פאַרוואָס אַנטי־נאַצי אָרגאַניזאַציעס אין פוילן, די רעגירונגען אין וואַשינגטאָן, לאָנדאָן און מאָסקווע האָבן נישט אונטערשטיצט אַזאַ גיגאַנטישע אַרויסטרעטונג קעגן די נאַציס דורך יידן, וועלכע זענען גרייט געווען אַוועקצוגעבן זייער לעבן אין דער הייליקער מלחמה קעגן אָקופּאַנט. אויב אין יאָר 1943 האָבן אַמעריקאַנער און ענגלענדער נאָך נישט באַטראָטן די אייראָפּעאישע ערד, זענען זייערע עראָפּלאַנען געפלויגן איבער בערלין, ברעסלאַו, באָמבאַרדירנדיק וועגן און פאַבריקן, פאָרטן און פעלי־פעלדער. פאַרן וואַרשעווער געטאָ איז קיין אײן ביקס נישט געווען. די פוילישע עמיגראַנטישע רעגירונג אין לאָנדאָן האָט לייכט געקאָנט פאַראָרדנען דעם פוילישן אונטערגרונט זיי זאָלן אונטערשטיצן מיט געווער דעם וואַרשעווער געטאָ. דער רוף נאָך געווער איז געקומען נאָכן 22־טן יולי 1942, דאָס איז דער טאָג ווען די נאַציס זענען צוגעטראָטן צו ליקווידירן דעם גרעסטן געטאָ אין אייראָפּע. אין אויגוסט 1942 זענען עטלעכע מאָל סאָוויעטישע עסקאַדרעס געפלויגן איבער וואַרשע און אומגעגנט, באָמבאַרדירנדיק דייטשע מיליטערישע פּונקטן. דער זיג פון די סאָוויעטן איבער דייטשע דיוויזיעס אין אָנהויב 1943 ביי סטאַלינגראַד האָט צוגעגעבן גלויבן די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציעס אין וואַרשעווער געטאָ, אַז די סאָוויעטן וועלן העלפן מיט געווער און ראַדיאָ־סטאַציעס. די יידישע מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך פיל מאָל געוואָנדן וועגן געבן איר אַ ראַדיאָ־סטאַציע צו קאָנען אינפאָרמירן דער פרייער וועלט וועגן די פאַרברעכנס פון די נאַציס.

ביזן יאָר 1943 האָבן די פוילישע אָרגאַניזאַציעס נישט אינפאָרמירט לאָנדאָן וועגן דער לאַגע פון די יידן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע. אַלע מעלדונגען פון יידישע אָרגאַניזאַציעס פאַר דער פרייער וועלט זענען געוואָרן פאַרקריפּלט און מיט אַ פאַרשפּעטיקונג איבערשיקט צו די אַליאירטע אָדער קיין פּאַלעסטינע. ווען ס׳איז אויסגעלאָשן געוואָרן דער וואַרשעווער געטאָ און פאַראיינצלטע קעמפער האָבן אין די נעכט ליקווידירט די נאַציס און מיטן דעראָבערטן געווער ווייטער געקעמפט, איז אין טויטןלאַגער טרעבלינקע אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד, וועלכער איז אויף אַ מייסטערהאַפטן אופן צוגעגרייט געוואָרן דורך יידישע אַסירים פון אַלע טיילן אייראָפּע. דער לאַגער איז געוואָרן פאַרברענט. די עס.עס.־מאַנשאַפט אויסגעשאָכטן און הונדערטער האָבן זיך אַרויסגעראַנגען אויף דער פריי, און ווייטער געפירט דעם קאַמף אין די רייען

סאָנעלע עלעמענטן"... א.א.וו. נאָך מער אכזריותדיק איז געווען זייער שטעלונג צו די צווײ מענטשן, וואָס זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן: אַ פרוי, פריער אַראָפּגענומען אין חבלי לידה (ס'קינד געשטאָרבן, דער מאַן דערטרונקען) און דוד סטאָליאַר, וואָס איז געשוואומען 24 שעה. זיי בײדע זענען פאַרהאַלטן געוואָרן אין תפיסה. לאָרד מאָיען און מעקמייקל האָבן אַרגומענטירט, אַז די צוויי יידן זענען פיינטלעכע „נעשיאַנאַלס", „געקומען פון פיינטלעכער טעריטאָריע".

„פּאַלעסטינע האָט נישט קיין שום פאַרפליכטונג"... ענדלעך האָט דער נייער קאָלאָניאַל־מיניסטער אונטער דעם דרוק פון דער עפנטלעכער מיינונג אַרויסגעגעבן אַן „אַקט אָף קלעמענסי", אַ באַגנעדיקונגס־אַקט פאַר די צוויי „פאַרברעכער".

אין דער זעלבער צייט זענען די טויערן פון פּאַלעסטינע געעפנט געוואָרן פאַר די אַנהענגער פון מופטי, וואָס זענען צוריקגעקומען פון פיינטלעכער טעריטאָריע.

צו דעם אַלעם מוז מען באַטאָנען, אַז היסטאָריקער שטרייכן אונטער, אַז אַנטאָני אידען איז געווען אַן איבערצייגטער אַנטיסעמיט. אין ענגע קרייזן האָט ער זיך אויסגעדריקט: „איך האַס די יידן. די יידן זענען אַ נידריקע ראַסע"... די בריטישע רעגירונגס־קרייזן זענען געווען דורכגעדרונגען מיט גיפטיקע אַנטיסעמיטן. די שונאי־ישראל, ווי לאָרד מאָיען, מעקמייקל האָבן געאָטעמט אין אַן אַטמאָספערע פון סובאָרדינאַנטן, וואָס זענען געווען קליינלעכע אָבער נאָך מער גיפטיקע אַנטיסעמיטן. אַ קאָלאָניאַל אונטערשטאַט־סעקרעטאַר האָט פאַרנאָטירט: „יידן האָסן אונדז, האָבן אייביק געהאַסט. זיי האַסן אַלע גויים"... דער לייטער פון פּאַלעסטינער אָפּטיילונגביים קאָלאָניאַל־מיניסטעריום האָט זיך אויסגעדריקט: „צום באַדויערן זענען די יידן (אין דער מלחמה) נישט אויף דער אַנדערער זייט"... (מערץ 1941). ווען די שיף „סאַלוואַדאָר" איז אונטערגעגאַנגען מיט 200 יידן (70 קינדער) דעם 12־טן מערץ 1940, האָט דער הויפּט פון דער פּליטים־אָפּטיילונג זיך אויסגעדריקט: „עס האָט נישט געקענט פּאַסירן קיין בעסערע „אָפּאָרטון דיזאַסטער" (אַ גינסטיקער אומגליק). דער סאָציאַליסטישער לאָרד הערבערט מאָריסאָן (אינערן־מיניסטער) איז געריטן אויפן פערד פון דער היסטעריע: „נאַצי־אַגענטן", „פינפטע קאָלומנע". אגב האָט די רעגירונג געמוזט מודה זיין (אין פּאַרלאַמענט יאַנואַר 1941), אַז קיין איינציקער נאַצי־אַגענט איז נישט געפונען געוואָרן צווישן די פּליטים.

נישט אומזיסט האָט דער באַרימטער ענגלישער שרייבער ה. דזשי וועלס באַשולדיקט, אַז די רעגירונג „איז אין צושטאַנד פון מאַכן געבעלס' אַרבעט"... פון פיינטלעכע אַקטיוויטעטן איינגעוואָרצלט אין מיטן פון אונדז"... „נאַציס"... „כ'מיין מ'דאַרף זיי שיסן אָדער אויפהענגען"...

למען האמת מוז מען אונטערשטרייכן דעם אונטערשיד צווישן די רעגירונגס־קרייזן און דעם ענגלישן פּאָלק. צום שבח פון ענגלישן פּאָלק מוז מען געדענקען, אַז טראָץ דער אַנטי־פּליטים היסטעריע האָט אַ „גאַלאָפּ פּאָל" פון פעברואַר 1943 באַוויזן, אַז 70 פּראָצענט פון ענגלישן פּאָלק האָט אויסגעדריקט סימפּאַטיע פאַר די יידישע פּליטים און געווען פאַר אַריינלאָזן קיין ענגלאַנד יידן, וואָס זענען אין לעבנסגעפאַר.

אָבער ווען מען מאַכט דעם סך־הכל אין יום־השואה (נאַצי־דייטשלאַנד, די אַליאירטע מלוכות און דער גורל פון דעם אייראָפּעישן יידנטום) דערמאָנט זיך דער אַלטער מאמר: „ווען אַ קריגל פאַלט אויף אַ שטיין — ווײ צו דעם קריגל. ווען אַ שטיין פאַלט אויף דעם קריגל — ווײ צו דעם קריגל"...

יעקב ראָזענבערג

# פאַר וועמען?!

פאַר וועמען די פּערזן, פאַר וועמען די לידער,
וועמען דערציילן דעם טויט פון מיין מאַמע,
פון טאַטן, חברים ווי לייבלעכע ברידער.
פאַר וועמען די פּערזן פאַרקייטלט אין לידער?

פאַר וועמען די בלעטער אין ביכער געבונדן,
פאַר וועמען די צרות, פאַר וועמען די ווונדן,
פאַר וועמען דער בראָך אויסגעוויקטער אין טרערן,
ווער וויל דאָס הערן? ווער וויל דאָס הערן?

נאָר שרייבן, פאַרשרייבן, מיט בלוט זאָלסט פאַרשרייבן,
וואָס גייט דיך די וועלט אָן? איר צווייפלען, איר גלייבן,
זאָל זיין אַז די לידער וועט קיינער נישט לייענען,
צי דאַרפסטו הסכמה פון וועמען צו וויינען?

נאָר זאָלסט דיינע טרערן אין בוזעם באַהאַלטן,
אפילו ווען האַרץ וועט אויף פיצלעך זיך שפּאַלטן,
זאָלסט שמייכלען די שונאים אין טרפהנעם פּנים,
און היטן, אויסהיטן פון שמוציקן אויער,
דיין צער און דיין אומעט, דיין הייליקן טרויער.

נאָר קומען די טעג פון יענער דערמאָנונג,
גיי דיר צום פעלד ווו ס'שוויגן די גראָזן —
דאָרט ווו דיין גאָט מיט אַ זאַק אויף די לענדן
זיצט אייביקע שבעה, אליין און פאַרלאָזן.

דאָרט טרויער דיין טרויער, דאָרט צאָרן דיין צאָרן,
שריי אויס פון האַרץ דיין ביטערן ווײ,
און וואַרף דיינע שונאים אַן אייביקע קללה —
אין טריפהנעם פּנים, מיט בלוטיקן שפּיי...

קאַסאַבלאַנקאַ (17־טער יאַנואַר 1943) אַזוי זיך אויסגעדריקט: „די צאָל ייִדן פון פרייע באַרופן (יוריספּרודענץ, מעדיצין, קאָלעדזש פּראָפעסאָרן) מוז אויסדריקלעך באַגרענעצט ווערן פּראָצענטועל צו דער ייִדישער באַפעלקערונג אין צפון־אַפריקע אין פאַרגלייך צו דער „גאַנצער באַפעלקערונג אין צפון־אַפריקע״... דאָס וועט לויט רוזוועלטן פאַרמיידן דאָס ספּעציפישע און פאַרשטענדלעכע באַקלאָגן זיך פון די דייטשן, אַז פופציק פּראָצענט פון זייערע באַרופן זענען באַזעצט פון ייִדן״... (בערנאַרד וואַסערשטיינס בוך זייט 207).

אַזוי האָט רוזוועלט אַנטפּלעקט זיין נייגונג צו „נומערוס קלאַוזוס״ אין די פרייע באַרופן און אויסגעדריקט פאַרשטענדעניש פאַר געבעלסן. (אגב, אויפן סמך פון אָפיציעלע דייטשע סטאַטיסטיק איז שוין אין 1936 די צאָל 50 פּראָצענט אין די פרייע באַרופן געשטעמפּלט געוואָרן אַלס שקרדיקע און לעכערלעכע פּראָפּאַגאַנדע).

פון דער צווייטער זייט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן עטאַבלירן א מקום מקלט פאַר ייִדן אין מאַדאַגאַסקאַר פאַר אַגריקולטור־אַרבעט איז דער אַרגומענט געווען, אַז „דער גענעראַל־גובערנאַמאַר (און ער איז נישט דער איינציקער) איז קעגן דער פּרעסטיזש־דערנידערונג־אינאַוואַציע, אַז אייראָפּייער זאָלן טאָן (שוואַרצע) אַגריקולטור־אַרבעט, וואָס ביז היינט טוען דאָס אויסשליסלעך די ’נייטיווס׳ ״.

צו דעם אַלעם דאַרף מען צוגעבן דעם פיאַסקאָ פון דער בערמודאַ קאָנפערענץ (אַפּריל 1943). די ענגלישע דעלעגאַציע האָט באַהויפּטעט, אַז אין דער גאַנצער בריטישער אימפּעריע איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַ ממשותדיקע צאָל ייִדן...

פון די הונדערטער אינצידעטן פון העלפן נישט־ייִדן און אָפענער ברוטאַלער דיסקרימינאַציע קעגן ייִדן, וועל איך נאָך דערמאָנען איין פאַל, וואָס שייך שפּייז־ליפערונגען אונטער דער אויפזיכט פון אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ.

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן שיקן עסנוואַרג פאַר די ייִדן אין געטאָס און אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אונטער דער אויפזיכט און פאַרטיילונג פון רויטן קרייץ. דער ענטפער איז געווען: „מען טאָר נישט ברעכן די בלאָקאַדע קעגן דייטשלאַנד״. גלייכצייטיק האָבן די אַליאירטע מלוכות צוגעשטעלט עסנוואַרג פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג פון גריכנלאַנד, וואָס איז געווען אונטער דער נאַציאָקופּאַציע. 35.000 טאָן עסנוואַרג דורכן רויטן קרייץ יעדן חודש פון 1942 ביז צום סוף פון דער מלחמה. אויף גריכנלאַנד איז די בלאָקאַדע נישט חל געווען, בעת די ייִדן אין געטאָס און לאַגערן האָבן אויסגעהויכט זייערע נשמות צוליב הונגער. אויף זיי איז חל געווען די בלאָקאַדע.

די הונדערטער אינצידענטן פון אָפענער אַנטי־הומאַניטאַרער פאַרפאָלגונג און דיסקרימינאַציע קעגן ייִדן מצד ענגלאַנד האָבן די דייטשן וואַרשיינלעך אויסגעטייטשט אַלס „סיגנאַלן״ פון די אַליאירטע לענדער, אַז אויך זיי באַטראַכטן די ייִדן פאַר אַן אינטערנאַציאָנאַלער צרה, און די דייטשן האָבן אַ פרייע האַנט ענדגילטיק זיי צו ליקווידירן.

די לעצטנס אַנטפּלעקטע געהיימע דאָקומענטן זענען גרויזאַם.

דעם 20־טן יאַנואַר 1943 האָט ענגלאַנד צוגעשיקט אַ מעמאָראַנדום צום סטייט־דעפּאַרטמענט אין וואַשינגטאָן. דער ערשטער פּאַראַגראַף וואָרנט, אַז „אויב מען וועט אַרויסוויזן אַ פאָרצוג (פּרעפערענס) פאַר אַרויסנעמען ייִדן פון טעריטאָריעס אונטער פיינטלעכער אָקופּאַציע, וועט דאָס סטימולירן אַנטיסעמיטיזם אין די לענדער, ווו מיר וועלן זיי אַריינברענגען״. אין דעם דריטן פּאַראַגראַף וואָרנט ענגלאַנד, אַז עס באַשטייט די געפאַר: „עס דראָט אַ מעגלעכקייט, אַז די דייטשן און זייערע סאַטעליטן וועלן ענדערן זייער „פּאָליסי אָף עקסטערמינעישן טו אואָן אָף עקסטערוזשן״ (אַנשטאָט עקסטערמינירן, וועלן זיי די ייִדן אַרויסטרייבן) און דאָס וועט ברענגען אַן איבערשווימונג פון פרעמדע עמיגראַנטן, אַן „אַמבאַראַסמענט״...

דעם 27טן מערץ 1943 איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ צווישן ענגלישן אויסערן־מיניסטער אַנטאָני אידען און רוזוועלט און זיינע געהילפן. די שטעלונג פון די אַמעריקאַנער איז געווען: „עס דראָט די ייִדן אין דרום־מזרח אייראָפּע עקסטערמינאַציע, אויב מיר וועלן זיי פון דאָרט נישט אַרויסנעמען״. דער ענטפער פון אידען איז געווען: „אויב מיר וועלן דאָס טאָן, וועלן די ייִדן פון דער וועלט פאָדערן, אַז מיר זאָלן מאַכן דעם זעלבן פאָרשלאָג (צו היטלערן) אין באַצוג צו די ייִדן אין פוילן און דייטשלאַנד״. „היטלער קאָן נאָך אונדז כאַפּן אויפן וואָרט און מיר האָבן נישט גענוג טראַנספּאָרט מיטלען״.

אין „קלענערע״ אינצידענטן אַנטפּלעקט זיך נאָך בולטער די רשעות פון די ענגלישע רעגירונגס־קרייזן.

דער גורל פון דער „סטרומאַ״ איז באַקאַנט (געווען אַ גאַנצע רייע שיפן מיט טויזנטער ייִדישע פּליטים, געיאָגט און געפּלאָגט פון דעם בריטישן פלאָט, אונטערגעגאַנגען אין די ימים).

פאַראַן אַ דאָקומענט וואָס באַווייזט, אַז די ענגלענדער האָבן געוווּסט, אַז זייער דרוק אויף טערקיי אַרויסצושלעפּן די שיף צום שוואַרצן ים, וועט זיך פאַרענדיקן מיטן אונטערגאַנג פון דער שיף. דער ענגלישער פּאַספּאָרט־אָפיציר אין איסטאַמבול האָט ראַפּאָרטירט: די שיף (דער מאָטאָר איז קאַליע) וועט בלי ספק אונטערגיין אויסערהאַלב די טערקישע טעריטאָריאַלע וואַסערן״. אַזוי איז געשען. זי איז דערטרונקען געוואָרן קוים 12 קילאָמעטער פון די ברעגעס.

די בריטישע קאָרעספּאָנדענץ אַרום דער „סטרומאַ״ אילוסטרירט די אַנטי־ייִדישע היסטעריע. לאָרד מאָיען און מעקמייקל האָבן געוואָרנט קעגן „נאַצי־אַגענטן״ אויף דער שיף... „אויב מיר וועלן דערלויבן די פאָר הונדערט ייִדן צו לאַנדן אין פאַלעסטינע, וועט דאָס גורם זיין א מבול פון פּליטים״.

...„אויפן שיף זענען פאַראַן אומפּראָדוקטיווע פּראָפּע־

טערמינאַציע פון ידן אויף די געביטן אונטער דער דייטשער הערשאַפט.

פון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג איז צו דרינגען, אַז אין די לעצטע חדשים פון 1941 זענען די נאַציס געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די אַליאירטע מדינות זענען גלייכגילטיק צום גורל פון די ידן. אַ רייע אינצידענטן האָבן די דייטשן אויסגעטייטשט, ווי „סיגנאַלן“, אַז ענגלאַנד איז קעגן אַרויסלאָזן די ידן. אדרבא, די ידן זענען פאַר ענגלאַנד אַ פּראָבלעם און זי וועט זיין נישט אומצופרידן, אַז דייטשן וועט לייזן דעם ידן־פּראָבלעם.

וויכטיק צו דערמאָנען אַ פּאָר אינצידענטן, די „סיגנאַלן“:

דעם 2־טן סעפּטעמבער 1939 האָט אַן ענגלישע פּאַטראָל קריגס־שיף געעפנט פייער אויף אַ ציווילע שיף („טיגער היל“) באַלאָדענע מיט ידישע פּליטים („אומלעגאַלע“).

סימבאָליש, ווייל די ערשטע בריטישע קוילן נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה זענען געווען געווענדעט קעגן ידן.

ענגלאַנד האָט אָנגענומען אַ שטעלונג, אַז ידן זענען נישט אַן „אַליאירט פאָלק“ („אַלייד פּיפּל“). די ידן זענען „דייטשן“, „טשעכן“, פּאָלאַקן“״. אויפן סמך פון אַזאַ שטעלונג האָט ענגלאַנד אינטערנירט אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן ידישע פּליטים פון פיינטלעכע געביטן.

אין אַ מעמאָראַנדום צום ענגלישן אויסערן־מיניסטעריום פון 21־טן מאַי 1940 באַריכטעט דער בריטישער אַמבאַסאַדאָר אין מאַדריד, אַז „אַ פריינדלעכער אַמבאַסאַדאָר האָט אים געוואָרנט, אַז די ידישע פּליטים אין ענגלאַנד זענען אַ פינפטע קאָלומנע אין דינסט פון דער געשטאַפּאָ“... „דער פריינדלעכער אַמבאַסאַדאָר ווייסט, אַז 3000 פּליטים אין ענגלאַנד זענען שוין פאַרשפאַרט, אָבער ענגלאַנד וועט נישט זיין זיכער כל־זמן די גאַנצע 80.000 וועלן ניט ווערן פאַרשפּאַרט אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן“.

דער מחבר פון דעם מעמאָראַנדום דערמאָנט נישט ווער עס איז געווען „דער פריינדלעכער אַמבאַסאַדאָר“, וואָס האָט אים געוואָרנט. אַזוי, אַז עס איז אָנצונעמען, אַז די גאַנצע מעשה איז ניט מער, ווי אַן אויסגעטראַכטער, ביזווייליקער, אַנטיסעמיטישער בלבול.

אָבער די היסטאָריע פון דער פינפטער קאָלומנע האָט זיך אָנגעהויבן און איז פאַרשפּרייט געוואָרן דורך די רעגירונגס־קרייזן. אין די נאָענטסטע פּאָר וואָכן נאָך דעם מעמאָראַנדום זענען 30.000 פּליטים געווען אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן. צווישן זיי אַלטע ידן וואָס האָבן געוווינט אין ענגלאַנד זייט קינדער־יאָרן.

ריטשאַרד לאַטהאַם פון דער פּליטים־אָפּטיילונג ביי דער רעגירונג האָט באַשולדיקט, אַז די סקאַנדאַליעזע באַהאַנדלונג פון די פּליטים, ווערט אויסגענוצט דורך דער דייטשער פּראָפּאַגאַנדע: „די ליבעראַלע און די ידן זענען פיינט פון יעדן פאָלק. אפילו די ענגלענדער פאַרשפּאַרן די ידן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן“.

נישט אָנערקענענדיק, אַז אין דער אַנטי־נאַצי מלחמה פאַרדינען די ידן אויף אַ ספּעציעלער פריינדלעכער באַהאַנדלונג (זיי זענען „דייטשן“, „טשעכן“, „פּאָלאַקן“) האָט אָבער די ענגלישע רעגירונג געמאַכט אויסנאַמען (אין דער פּאָרקערטער ריכטונג).

ווען אין יולי 1940 איז אַראַנזשירט געוואָרן די עוואַקואַציע פון פּוילישע זעלנער פון דרום־מזרח אייראָפּעישע מדינות קיין פּאַלעסטינע, האָט דער הויך־קאָמיסאַר סער האַראָלד מעקמייקל טעלעגראַפירט צום קאָלאָניאַל־מיניסטעריום: „בלויז נישט ידן קענען אַקצעפּטירט ווערן“. ער האָט צוגעגעבן, אַז „די פּוילישע אויטאָריטעטן אין לאָנדאָן וועלן מסכים זיין, אַז נאָר נישט־ידן זאָלן עוואַקואירט ווערן“...

די עכטע־פּאָלאַקן עוואַקואירן, די פּוילישע זעלנער פון ידישער אָפּשטאַמונג איבערלאָזן פאַר דער געשטאַפּאָ...

צענדליקער טויזנטער יוגאָסלאַוון און גריכן זענען עוואַקואירט געוואָרן קיין צפון אַפריקע. וואָס שייך ידן האָט לאָרד מאָיען, דער שטעלפאַרטרעטער שטאַטס־מיניסטער אין מיטל־מזרח, געפּסקנט, אַז „דאָס אַריינלאָזן פון ידן קיין קירעניקע וואָלט געווען אַ קאַטאַסטראָפע“.

דער גורל פון די לוקסעמבורגער ידן. די געשטאַפּאָ האָט אויפגעפאָדערט די לוקסעמבורגער ידן, אַז זיי זאָלן שנעל, ווי מעגלעך, אַרויספאָרן. אויב נישט וועלן זיי דעפּאָרטירט ווערן קיין פּוילן. 150 ידן האָבן דערגרייכט פּאָרטוגאַל, ווייטערע 300 ידן אין פאַרזיגלטע וואַגאָנען זענען נישט אַריינגעלאָזן געוואָרן און דערנאָך צוריקגעשיקט קיין פראַנקרייך. דער לוקסעמבורגער אויסערן־מיניסטער (מיטן זיץ אין לאָנדאָן) האָט אין דעצעמבער 1940 געפאָדערט פון ענגלאַנד וויזעס פאַר די 2000 לוקסעמבורגער ידן — קיין טאַנגאַניקע. ענגלאַנד האָט אָפּגעזאָגט. די אָפיציעלע שטעלונג פון ענגלאַנד איז געווען: די לוקסעמבורגער ידן „זענען נישט קיין קריגס־פּליטים אין דעם זין, אַז זיי זענען נישט אין געפאַר, ווייל זיי האָבן געקעמפט קעגן די דייטשן. זיי זענען פּשוט ראַסן־פּליטים“... אַלס אַזעלכע קומט זיי נישט קיין וויזעס...

גלייכצייטיק האָט ענגלאַנד צוגעגרייט אַ פּלאַן אויפצונעמען 300.000 בעלגיער און האָלענדער.

ווען די אַליאירטע אַרמייען האָבן צעשמעטערט די ראָמעל־אַרמיי אין צפון־אַפריקע האָבן זיי גענומען אין געפאַנגענשאַפט 3.000 פּוילישע פאָלקס־דייטשן, וואָס האָבן אין דעם ראָמעל־קאָרפּוס געקעמפט קעגן די אַליאירטע. ענגלאַנד האָט אָנערקענט די פאָלקס־דייטשע זעלנער אַלס פּאָלאַקן, וואָס זענען „אונטער צוואַנג“ מאָביליזירט געוואָרן דורך די דייטשן... (ס'איז באַוווּסט, אַז די דייטשן אין פּוילן האָבן קיינעם נישט געצוווּנגען צו ווערן אַ פאָלקס־דייטש. זיי זענען אַלע געווען פרייוויליקע זעלנער פאַר היטלערן און זיין רייך). די דאָזיקע פרייוויליקע פאָלקס־דייטשן זענען טראַנספּאָרטירט געוואָרן קיין ענגלאַנד אַלס פּאָלאַקן.

ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַריבערטראַנספּאָרטירן פּליטים פון שפּאַניע קיין צפון־אַפריקע האָט רוזוועלט, אין אַ געשפּרעך מיט דעם פראַנצויזישן גובערנאַטאָר אין

ד"ר מ. פערשטענדיק

# „געדענקען איז גאולה"...

**(צום יום השואה)**

„געדענקען און נישט פארגעסן". דערפאר איז דער אנגענומענער נוסח פון יום השואה: „זכור את אשר עשה לך עמלק".

וועגן דעם עמלק פון 20־טן יארהונדערט האט טשערטשיל אזוי געזאגט: „דאס איז ווארשיינלעך דאס גרעסטע און שוידערלעכסטע פארברעכן אין דער גאנצער געשיכטע פון דער וועלט — באגאנגען מיט דער הילף פון א וויסנשאפטלעכער מאשין דורך נאמינעל ציוויליזירטע מענטשן אין נאמען פון א גרויסער מלוכה".

אין דעם געדענק־טאג פון יום השואה קאנצענטרירן מיר זיך אין אונדזערע קינות אויף די שוידערלעכסטע מעשים, וואס דער דייטשער עמלק האט געטאן מיטן ציל פיזיש און גייסטיק אומצוברענגען דאס גאנצע פאלק ישראל אין דער גאנצער וועלט.

מיר דערמאנען אויך די פוילישע עמליקס. ד"ר זיגמונט קולאקאווסקי האט אין זיין טאגבוך פארצייכנט (דעם 26־טן נאוועמבער 1942) די ראל פון זיינע פאלאקן אין דער שחיטה פון פוילישן יידנטום: „...זיי פארגעסן, אז יידן זענען מענטשן ....„זיי באהאנדלען די יידן, ווי זיי וואלטן געווען משוגענע הינט, ערברים און שעדלעכע ווערים"... „זיי כאפן די יידן, ליפערן זיי אויס צו די דייטשן אדער הרגענען זיי אויפן ארט". (ציטירט לויט פ. קראקאווסקי: „דהי סלאטער אף פאליש דזשורי").

די רומענישע עמלקים זענען געווען נאך ערגער, ווי די פוילישע. אין הארבסט 1941 האבן די רומענער דעפארטירט 185.000 יידן קיין טראנסניסטריא (אקופירטער סאוויעטישער באדן). זיי האבן די יידן פארשפארט אין לאגערן אונטער זייער אויסשליסלעכער קאנטראל. אין מאי 1942 זענען צוויי דריטל געווען טויט. ווען די רומענישע דיוויזיעס האבן אקופירט אדעס (אקט. 1941), האבן זיי אריינגעיאגט 19.000 יידן אויף א פלאץ נעבן דעם פארט, זיי דערשאסן און אויפן ארט פארברענט די קערפערס. נאך דעם מאסן־מארד האבן די רומענער פארזאמלט 40.000 אדעסער יידן אויסערהאלב דער שטאט און זיי אויסגעשאסן מיט מאשין־געווער אין אנטי־טאנק גרובן. (הילבערג „דעסטראקשאן אף יוראפעאן דזשורי". זייט 201).

די אוקראינישע און ליטווינישע עמלקים זענען נישט געווען בעסער, ווי די רומענישע עמלקים.

יאר איין און יאר אויס מוזן מיר דערציילן און באקלאגן אין דעם יום השואה די אכזריותדיקע מעשים פון די עמלקים. די שואה פון 20־טן יארהונדערט מוז זיך אריינקריצן אין אונדזער פאלקס־זיכרון לעולם ועד. „געדענקן איז גאולה, פארגעסן איז גלות"... (ר' ישראל בעל שם טוב). אין דעם מאמר שטעקט א טיפער היסטארישער געדאנק.

אין דעם זין מוז אויך אויפגעקלערט ווערן מיט מערערע פרטים די טרויעריקע ראל פון אונדזער „פריינד" אין דער שואה. „אלע אירע גוטע פריינד האבן איר פארראטן, זיי זענען איר שונאים געווארן" (איכה).

מיר האבן געהערט און באקלאגט דעם טראגישן סוף פון דער שיף „סטרומא" (167 פליטים דערטרונקען), דעם גורל פון דער שיף „פאטריא", די קאלטע גלייכגילטיקייט און די תרוצים נישט צו ראטעווען די אונגארישע יידן, נישט צו באמבארדירן די גאז־קאמערן אין אוישוויץ א.א.וו. אבער ווען נאך 30 יאר זענען די געהיימע רעגירונגס־דאקומענטן דעקלאסיפיצירט געווארן, איז דער גרויזאמער אמת אנטפלעקט געווארן: די אקטיווע מיטפאראנטווארטלעכקייט פון ענגלאנד אין דעם חורבן פון אייראפעישן יידנטום.

אויפן סמך פון די דאזיקע דעקלאסיפיצירטע דאקומענטן זענען שוין דערשינען א רייע ביכער פון היסטאריקער, וואס סארטירן און פארשן די דאקומענטן.

די צוויי בעסטע ווערק, דערשינען אין ענגלאנד זענען: בערנארד וואסערשטיין „בריטיין ענד דהי דזשוס אף יוראפ 1939—1945": מארטין גילבערט: „אוישוויץ ענד דהי אלליס".

פון די דאקומענטן, וואס די היסטאריקער ציטירן, איז צו זען, אז אין אנבליק פון דער קאטאסטראפע פאר דער „ענדלייזונג" און בשעת דער „ענדלייזונג", האט דער ענגלישער רעגירונגס־אפאראט פארווארפן א נעץ מיט א באוווסטזיניקן ציל, אז יידן זאלן נישט קענען ארויסגיין פון דעם נאצישן גיהנום.

בכדי קלאר צו מאכן די דאזיקע באשולדיקונג דארף מען דערמאנען, אז אין די ערשטע צוויי יאר פון דער מלחמה האבן די דייטשן געשטרעבט פטור צו ווערן פון די יידן דורך עמיגראציע. פראנץ ארנאלד טוינבי. אין א ראפארט (פעברואר 1940) פאר דעם ענגלישן אויסערן־מיניסטעריום האט פעסטגעשטעלט, אז די יידישע אמטן אין פראג האבן באקומען די אויפגאבע צוצוגרייטן די עמיגראציע פון 120 יידן טעגלעך. אין סעפטעמבער 1940 האט אייכמאן ארגומענטירט קעגן דייטשע טראנזיט־וויזעס פאר אונגארישע יידן, ווייל דאס וועט באגרענעצן די מעגלעכקייט פאר דייטשע יידן צו עמיגרירן.

דעמאלט האבן די דייטשן נאך געגלויבט, אז אליאירטע מלוכות וועלן אקצעפטירן די פארטריבענע יידן אין לענדער אויסער אייראפע. אין די לעצטע חדשים פון 1940 האבן פארזיגלטע צוגן טראנספארטירט דייטשע יידן קיין שפאניע און ליזבאן. אין מאי 1941 האט גערינג פארארדנט צו פארשנעלערן די עמיגראציע פון יידן אין דייטשלאנד און פון דעם פראטעקטאראט בעהמען און מאראוויע „ווי ווייט מעגלעך טראץ די קריגס־שוועריקייטן". — אין אקטאבער 1941 האט הימלער איינגעשטעלט די עמיגראציע.. אין 20־טן יאנואר 1942 האט די קאנפערענץ אין וואנזע באשלאסן די „ענדלייזונג". די טאטאלע עקס־

מעגלעכקייט די באַשולדיקונגען צו וואַרפן דער וועלט אין פנים אַריין?

מיר מוזן מיט טיפן באַדויער אונטערשטרייכן דעם פאַקט, אַז פון די זעלבע רעכטן געניסן אויך די אַנטיסעמיטישע כוחות, וועלכע מערן זיך אָן אויפהער, און אַ פאַרצווייגטע פארלעגערישע טעטיקייט (צוזאַמען מיטן אַנטי־יידישן טעראָר) באַמיט זיך אַרויסצוואַרפן אויפן מאַרק צענדליקער ביכער, איינגעוויקלט אין „וויסנשאַפטלעכער אָביעקטיוויקייט" מיטן ציל אָפּצולייקענען דעם חורבן און באַשמוצן די קרבנות.

טוט די יידישע געזעלשאַפט גענוג צו פאַרקריצן דעם חורבן אין געוויסן פון דער וועלט?

זי טוט אפילו זייער ווייניק איבערצוגעבן די חורבן־מאַרטיראָלאָגיע דעם יונגן יידישן דור, וואָס זאָל שטיין אויף דער וואַך און נישט דערלאָזן, אַז דער אָנדענק פון די קדושים זאָל פאַרוואַקסן ווערן מיטן מאָך פון פאַרגעסונג; כדי דער יונגער דור, אונדזערע אַקאַדעמיקער זאָלן קאָנען אָפּוואַרפן מיט צעשמעטערדיקע באַווייזן די בייזוויליקייט פון די אַנטיסעמיטישע „וויסנשאַפטלער".

אַפילו מיר זענען צופיל אַריינגעטאָן אין קליינלעכע געזעלשאַפטלעכע רייבונגען און אַמביציעס. עס בלייבן נישט גענוג כוחות צו דערפילן דעם נאַציאָנאַלן חוב לגבי די קדושים און לגבי דער געשיכטע.

ביז היינט — למשל — עקזיסטירט אַפילו נישט קיין חורבן־פאַרלאַג. יעדע שטאָט, יעדע פארטיליקטע קהילה גיט אַרויס אירע אייגענע יזכור־ביכער. אָבער וויפל קהילות האָבן נישט ווער עס זאָל עס טאָן, אָדער האָבן נישט די מיטלען דערפאַר. דאַרפן זיי אריינפאַלן אין פאַרגעסנקייט?

קעגנווירקן די אַנטיסעמיטיש־פאַרסמנדיקע ביכער לאָזט מען אויך איבער צום געוויסן פון יחידים. עס פעלט אַן אַלוועלטלעכע, פלאַנירטע טעטיקייט. יעדער מאַכט שבת פאַר זיך.

און די צייט טוט ס'איריקע: עדות פון חורבן גייען אַוועק אין דער אייביקייט אָן איבערצולאָזן אַ ממשות־דיקע אויסווירקונג אויף דער סביבה אין וועלכער זיי האָבן געלעבט.

קערן מיר זיך אום צום 19־טן אַפריל, און מיר זענען נאָך אַלץ נישט זיכער, אַז אַט די דאַטע וועט גיין ווי אַ „פאַראַל פון דור צו דור", ווען מיר וועלן שוין נישט זיין. בולטע סימנים מערקן זיך, אַז שוין היינט באַמיען זיך פאַראַנטוואָרטלעכע יידישע קערפערשאַפטן דעם ענין מינימיזירן, אונטער פאַרשידענע אויסריידן...

ווער וועט צינדן דאָס יזכור־ליכט?

צוזאַמען מיטן טרויער און כבוד וואָס מיר גיבן אָפּ די העלדן פון אַלע אויפשטאַנדן, לאַגערן גאַז־קאַמערן און צעשיסונגען, דאַרפן מיר אויך אָנשטעקן אונדזער יוגנט מיט דעם טרויער און מיט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן חוב וואָס מיר זענען שולדיק די קדושים.

אין אַ געוויסן טאָג וועלן מיר — דער נאָכן חורבן דור שטיין פאַרן משפט פון דער יידישער געשיכטע, וואָס וועט פרעגן די סאַמע פשוט'סטע און סאַמע פיינלעכסטע פראַגע:

— צו האָבן מיר — אין אונדזערע באַרעכטיקטע טענות צו דער וועלט — פאַרגעסן אין אונדזער אייגענער אחריות?

— וואָס וועלן מיר קאָנען ענטפערן?

דעם ענטפער דאַרפן מיר שוין צוגרייטן, אַן ענטפער פאַר וועלכן מיר זאָלן זיך נישט דאַרפן שעמען.

מ. א.

---

# ברוך הבא יהודה עלבערג

אויף דער איינלאַדונג פון „קדימה" געפינט זיך איצט אין מעלבורן דער באַקאַנטער שרייבער יהודה עלבערג צוזאַמען מיט זיין פרוי.

הגם די עלבערגס וווינען אין קאַנאַדע — געהערט אָבער דער שרייבער יהודה — צום גאַנצן יידישן פאָלק וווּאַהין נאָר עס דערגייט אַ יידישע צייטונג און אַ יידיש בוך.

ווי אַ מענטש פון חורבן־דור, איז עלבערגס לעבן אָנגעלאָדן מיט דער טראַגעדיע פון יידישן פאָלק. דורכגעמאַכט דעם וואַרשעווער געטאָ; אַוועק אין די וועלדער; געדינט אין דער פוילישער אַרמיי, און באַלד נאָכן דעמאָביליזירן זיך, זיך אַריינגעוואָרפן מיט ברען צו העלפן אָרגאַניזירן דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין פוילן (1945); דערנאָך פאַריז (1947).

י. עלבערג איז פאַרבונדן מיט דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג און מיט אַלע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, וועלכן האָבן אַ שייכות מיט יידישער קולטור און שרייבערישער טעטיקייט.

יהודה עלבערג האָט געדרוקט זיינע שאַפונגען אין אַלע יידישע צייטונגען און זשורנאַלן, וועלכע דערשיינען ביי יידן. אַחוץ דעם האָט ער אויף זיין חשבון עטלעכע דראַמעס, ראָמאַנען און דערציילונגען אין בוך־פאָרם, ווי „אונטער קופערנע הימלען", „אויפן שפיץ פון אַ מאַסט", „צעוואָרפענע זאַנגען".

מיר ברענגען אַן אויסצוק פון דער קריטיק וועגן עלבערגס שאַפן.

י. ראַפּאָפּאָרט האָט געשריבן:

„אין אַ מעת לעת אין מיין הויף" איז ווי אַריינגעפרעסט געוואָרן דאָס גאַנצע גרויליקע געטאָ־לעבן מיט זיין שוידערלעך דערנידעריקנדיקן אינדערוואָכן און מיט זיין גאַנצער אומפאַרגלייכלעך דערהויבענער שבת־קודש־דיקייט".

יהודה עלבערג האָט געהאַט עטלעכע אינטערעסאַנטע און באַלערנדע רעפעראַטן, און וועט זיך באַטייליקן אין די אַלגעמיינע געטאָ־אַקאַדעמיעס אין מעלבורן און סידנעי.

באַגריסן מיר האַרציק אונדזער גאַסט און זיין פרוי, און באַדויערן בלויז די קורצקייט פון דעם וויזיט.

# מעלבורנער בלעטער

## ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

אַדרעס פון רעדאַקציע : "KADIMAH", 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria, 3185, Australia.

אַפּריל־מאַי 1982 נומער 2 (31) מעלבורן־אויסטראַליע

# נײַנצנטער אַפּריל

**איז נויטיק אונטערצושטרייכן דאָס יאָר?**

אין אָט דעם טאָג פון חודש אַפּריל איז **פאַרקערפערט נישט נאָר די טראַגעדיע (און די העלדישקייט) פון אַ פאָלק; עס איז דער** מאַסט־בוים, ווו מיר לאָזן **פלאַטערן אונדזער פאָן אין האַלב־מאַסט, ווי אַ צייכן** פון טרויער. אין דמיון זעען מיר עס ווי דעם לייכטטורעם, וואָס באַגלייט דעם וועג פון אונדזער היסטאָרישן גאַנג צווישן פעלקער.

**פאַר יעדן פון אונדז מיינט אָט די דאַטע — קודם די דערמאָנונג פון דער פערזענלעכער טראַגעדיע. יעדער ייד האָט אַ חלק אין דער דאַטע, ווייל אַלע אונדזערע קרבנות, פאַרטיליקטע אין מזרח־אייראָפּע האָבן זיך דעם טאָג פאַרזאַמלט אין וואַרשעווער געטאָ און האָבן זיך געשטעלט אין די רייען פון די געטאָ־קעמפער. די געטאָ־**קעמפער האָבן געפילט, אַז זיי פירן אויס דאָס שליחות פון גאַנצן פאָלק.

חורבן פוילן איז אונדזער אייגענער, אינטימער בית־עולם און יעדער פון אונדז טראָגט דעם קבר פון דיינע **נאָענטע אין זיך, וואָס צוזאַמען שאַפן זיי די קאָלעקטיווע טראַגעדיע פון אַ פאָלק, וואָס איז אומגעקומען אין מיטן** פון 20־טן י״ה — **אַ יאָרהונדערט וואָס פאַרלאַנגט מען זאָל אים אָנערקענען ווי דעם יאָרהונדערט פון די העכסטע מענטשלעכע דערגרייכונגען נישט נאָר אויפן געביט פון** טעכניק, נאָר אויך אין מענטשלעכקייט, הומאַניטאַריזם, **אָנערקענונג פאַר די באַמיאונגען די אידייען פון מענטשנרעכט דורכצופירן אין לעבן.**

**אונדזער טראַגעדיע האָט זיך אָבער נישט פאַרענדיקט מיטן זיג איבערן היטלעריזם. די טראַגישקייט פון דאָס געשעענע — די פאַרטיליקונג פון 6 מיליאָן יידן — באַשטייט אין שטעלן אונטערן צווייפל דאָס געשעענע.**

**וויטאַגלעך קלאָר האָט עס אַרויסגעזאָגט פּראָפ. איטשע גאָלדבערג, אין אַ רעדע צום אָנדענק פון 19־טן אַפּריל.**

„נישט בלויז אין גערעדנקען גייט עס. עס גייט אין פאַרטיידיקן און אָפּהיטן דעם טאָג, מחמת די יידישע געשיכטע פון די לעצטע עטלעכע און־פערציק יאָר באַוועגט זיך אין שאָטן פון צוויי קאָנספּיראַציעס. פריער, די קאָנספּיראַציע פון איגנאָרירן און פאַרשווייגן דעם גרויל פון אונדזערע פאָלקס יסורים אין די ערגסטע יאָרן פון זיין געשיכטע. און איצט, די קאָנספּיראַציע פון פאַרלייקענונג און פון פאַרגעסן".

**אין די טעג, ווען די וועלט צייכנט אָפּ מיט אָנערקענונג פרעז.** רוזוועלטס הונדערטסטן געבוירן־טאָג, וואָלט נישט געשאַדט צו ציטירן אויסצוגן פון אַ באַריכט, וועלכן דער פינאַנס־מיניסטער הענרי מאָרגענטאו האָט **צוגעשטעלט דעם פרעזידענט, דעם 13־טן יאַנואַר 1944:**

„דאָס אַמעריקאַנער שטאַטס־מיניסטעריום האָט נישט נאָר זיך נישט באַנוצט מיט דעם רעגירונגס־אַפּאַראַט וואָס זיי האָבן געהאַט צו ראַטעווען יידן פון היטלערן, זיי זענען געגאַנגען אַזוי ווייט, ווי נוצן דעם רעגירונגס־אַפּאַראַט נישט צו דערלאָזן, אַז אַנדערע זאָלן ראַטעווען יידן.

זיי האָבן באַהאַלטן און מיסרעפּרעזענטירט פאַקטן, געגעבן פאַלשע אויסטייטשונגען פאַר זייער פאַסיווקייט און פאַר לייגן שטיינער אין וועג פאַר דער הילפס־אַקציע און אַרויסגעגעבן ליגנערישע און פאַרפירנדיקע דעקלאַראַציעס וועגן דעם, וואָס זיי האָבן כלומרשט געטאָן".

**פּראָפ. גאָלדבערג דערמאָנט פאַקטן, וועלכע ריידן מיט טראַגישער קלאָרקייט וועגן דער גלייכגילטיקייט און דער ביוראָקראַטיע וואָס האָט געהערשט אין די מלחמה־יאָרן.**

„אין מיטן מלחמה האָבן אַמעריקאַנער שיפן געבראַכט 400 טויזנט מלחמה געפאַנגענע קיין אַמעריקע, און אַ געזעץ־פּראָיעקט אַריינצולאָזן עטלעכע טויזנט יידישע קינדער קיין אַמעריקע האָט מען נישט געקאָנט דורכפירן, און שיפן מיט יידישע פליטים האָבן פון די ברעגן פון קובאַ זיך געמוזט אומקערן קיין דייטשלאַנד אויף אומקום און פאַרטיליקט ווערן.

און זאָלן אונדז די פּאָלאַקן נישט דערציילן, אַז זיי האָבן געראַטעוועט יידן — יחידים פּאָלאַקן, יאָ! — די אַרמייען אי די לודאָוואַ און אי די קראַיאָוואַ — האָבן נישט געהאָלפן.

און זיגעלבוימס זעלבסטמאָרד אין לאָנדאָן האָט קיינעם נישט אויפגעציטערט, און קיין פאָנדן, קיין געווער צום אונטערגרונד אין וואַרשע האָט קיינער נישט געשיקט".

**אפשר זוכן אַ טרייסט אין דעם, וואָס מיר האָבן אַ**

# אינהאלט:


מ. א. — נײַנצנטער אַפּריל . . . . . . . . . . . . . 1
ברוך הבא — יהודה עלבערג . . . . . . . . . . 2
ד"ר. מ. פערשטענדיק — געדענקען איז גאולה . . . . . . . . . . 3
י. ראָזענבערג — פאַר וועמען? (ליד) . . . . . . . . . . 6
וו. יאַבלאָנסקי — געטאָ־קעמפער פאַראייניקט אין קאַמף קעגן נאַציזם . 7
ליזאַ לוריאַ־קלעבאַנאָוו— די נקמה פון באַבי יאַר . . . . . . . . . 8
לאה זילבער — גבורה . . . . . . . . . . . . . 9
י. אָרבאַך — טיפן און געשטאַלטן . . . . . . . . . . . 11
אלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון „קדימה" . . . . . . . . . . 13
יודל מאַרק — די אומאויסמיידלעכקייט פון צוויי קולטורן . . . . . 14
י. מ. לעווין — צוליב אַ יאָרצייט (דערציילונג) . . . . . . . . . 15
אַ. ציקערט — איבערבלייב (לאַגער־בילד) . . . . . . . . . 18
מ. אייזענבוד — ווייטער פון דאָרטן (דערציילונג) . . . . . . . . . 20
ה. גלעזער — אַרום דעם סאָוועטישן יידישן טעאַטער . . . . . . 23
ב. כהן — וועגן דעם מילואים־באַנד
צום לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור . . . . 24
ל. אָלשינאַ — האָט אַ ייד אַ שוויגער . . . . . . . . . . 25
„אַ ביסל פאַרגעניגן" . . . . . . . . . . . 26


פרייז 1 דאָלאַר

ISSN 0155-0128

# מעלבורנער בלעטער

1943 — געטאָ-נומער — 1982

## געדענק די 6 מיליאָן קדושים



אוישוויץ בלאָק 6, „הונגער" — סקולפּטור פון מ. סטאַביערסקי

אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה" אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן נר. 2 (31) אַפּריל-מאַי 1982